# תשורה

מחגיגת הבר-מצוה של

## הת' מרדכי שמואל שי'
## מונדשיין

י"ד אלול ה'תשפ"ג - שנת הקהל

# תשורה

## מחגיגת הבר-מצוה של
## מרדכי שמואל שי' מונדשיין

י"ד אלול תשפ"ג - שנת הקהל
ברוקלין, נ.י.

ב"ה

# פתח-דבר

משבחים ומודים אנו להשי"ת על כל הטוב אשר גמלנו, ובחסדו הגדול זיכנו בכניסתו של בננו מרדכי שמואל שי' למצוות.

כהוקרה לידידנו ובני משפחתנו שיחיו שבאו לחגוג אתנו ביום שמחתנו, מתכבדים אנו להגיש תשורה זו, בה נלקטו רשימות סיפורים שרשם זקננו הרה"ח ר' נפתלי יוניק ע"ה:

א) סיפורם של האחים הקדושים מסלאַוויטאַ.

ב) הרה"ג והרה"ח וכו' ר' הילל מפּאַריטש.

ג) הרה"צ ר' דוידל מטאָלנע.

ד) סיפורים אודות רבותינו נשיאינו, צדיקים וחסידים - נלקטו מכמה רשימות שונות.

בסיפורים אלו השתדלנו לשמור על לשונו המקורית של ר' נפתלי כפי שרשמם באידיש, וחלקם כבר התפסרמו בעבר בתרגום ללה"ק. ועוד חזון למועד להוציא לאור את שאר כתביו.

[ב'תשורה' משמחת הבר־מצוה של הת' דובער שי' מונדשיין, ג' סיון ה'תש"פ, נדפסו סיפורים מתולדות המשפחה שרשם זקננו הרה"ת ר' דובער יוניק ע"ה, כפי ששמעם מהוריו ר' נפתלי ומרת גאלדא איטא ע"ה.]

בראש התשורה באו:

א) מכתבי כ"ק אדמו"ר זי"ע ליום הבר־מצוה של אביו וזקנו של חתן הבר־מצוה (להעיר על השגחה־פרטית, שהבר־מצוה של אביו היתה בחודש מרחשון, אך המכתב שקיבל הוא מחודש אלול, ונוספה בסופו ברכה לקראת השנה החדשה).

ב) מכתב שקיבל זקננו ר' נפתלי יוניק מכ"ק אדמו"ר זי"ע, וצילומו מתפרסם כאן לראשונה.

ג) קוים קצרים לדמותו של ר' נפתלי יוניק. תודתנו נתונה לש"ב הרה"ת ר' לוי יצחק שי' יוניק על עזרתו ברשימת הדברים.

כל הנ"ל נלקט ונערך על־ידי בננו בכורנו הת' מנחם מענדל שי', ותודתנו נתונה לו.

בסוף התשורה באו פרקים מתולדות זקננו ר' מרדכי שמואל מונדשיין ע"ה, שחתן הבר־מצוה - יבלח"ט - נקרא על שמו ומתולדות משפחתו. תודתנו נתונה לאחינו הרה"ת ר' הלל שי' מונדשיין על עזרתו בהכנת התולדות.

תפלתנו שיזכה בננו שי' ויתקיימו בו ברכות כ"ק אדמו"ר זי"ע לכל הנכנסים לעול המצוות: "יה"ר מהשי"ת אשר מבן שלש עשרה למצות יגדל לבן חמש עשרה וכו'... והשי"ת יצליחו להיות חסיד ירא שמים ולמדן".

ונזכה לגדל אותו ואת שאר ילדינו שיחיו לתורה ולחופה ולמעשים טובים בדרך שהורונו רבותינו נשיאנו הקדושים זי"ע.

בברכת כתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה,

**לוי יצחק וחנה מונדשיין**

י"ד אלול, ה'תשפ"ג - שנת הקהל,
ברוקלין, נ.י.

תגובות והערות נא לשלוח לכתובת האימייל:
m.m.mondshine@gmail.com

# תוכן הענינים

**פתח-דבר** ........ 3

**קוים קצרים לדמותו של הרה"ח ר' נפתלי יוניק** ........ 9

**רבותינו נשיאינו** ........ 11

אדמו"ר הזקן / אדמו"ר האמצעי / אדמו"ר מהר"ש / אדמו"ר מהורש"ב / אדמו"ר מהוריי"צ / כ"ק אדמו"ר זי"ע

**האחים הקדושים מסלאַוויטאַ** ........ 21

**הרה"ג הרה"ח וכו' ר' הלל מפּאַריטש** ........ 26

**הרה"צ ר' דוידל מטאָלנע** ........ 36

**צדיקים וחסידים** ........ 44

ה'בית־יוסף' / ר' פנחס מקאָרעץ / דער שפּאָלער זיידע / ר' שלמה מקאַרלין / ר' ישראל מרוז'ין / ר' ישראל מווילעדניק / ר' משה מקאָברין / חמיו של ר' אברהם מקאַליסק / ר' ברוך מרדכי מבאַברויסק / מהרי"ן בן אדמו"ר הצמח־צדק / חסידים / ר' מאיר שמחה מדווינסק

**תולדות משפחת מונדשיין** ........ 51

אבות המשפחה / ילדות בארץ נכר / בארץ הקודש

**מתולדות אבות המשפחה** ........ 54

הסבא ר' אהרן / פרק האיש מקדש / באהלי בצדיקים / שו"ב ומוהל / ללמוד וללמד / חסיד נאמן לרבו / הבן (ר' מרדכי) אצל האדמו"ר

מונדשטין־ה"א

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

ב"ה, ט"ז שבט תש"כ
ברוקלין

האברך יהושע שי'

שלום וברכה!

במענה על הודעתו מהכנסו לגיל מצות,

הנה יה"ר מהשי"ת אשר מבן שלש עשרה למצות יגדל לבן חמש עשרה וכו' כפסק המשנה (אבות פרק ה'), ויוסיף התמדה ושקידה בלימודו בתורה, בתורת הנגלה וכן בתורת החסידות, ויהדר בקיום המצות. והשי"ת יצליחו להיות חסיד ירא שמים ולמדן.

בברכה

מכתב ברכתו של הרבי ליום הבר־מצוה של סב חתן הבר־מצוה



מונדשטיין-ירותי"ו

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.

RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn. N. Y. 11213
493-9250

ב"ה, כ"ה אלול תשמ"ח
ברוקלין, נ.י.

האברך לוי יצחק שי'

שלום וברכה!

במענה על ההודעה ע"ד הכנסו לגיל מצות,

הנה יה"ר מהשי"ת אשר מבן שלש עשרה למצות יגדל לבן חמש עשרה וכו' כפסק המשנה (אבות פרק ה'), ויוסיף התמדה ושקידה בלימודו בתורה, בתורת הנגלה וכן בתורת החסידות ויהדר בקיום המצות. והשי"ת יצליחו להיות חסיד ירא שמים ולמדן.

בברכת כתיבה וחתימה
טובה

מכתב ברכתו של הרבי ליום הבר־מצוה של אבי חתן הבר־מצוה


יוניק= מאנטרעאל


RABBI MENACHEM M. SCHNEERSON
Lubavitch
770 Eastern Parkway
Brooklyn 13, N. Y.

HYacinth 3-9250

מנחם מענדל שניאורסאהן
ליובאוויטש

770 איסטערן פארקוויי
ברוקלין, נ. י.


ב"ה. יח' תמוז תשט"ו
ברוקלין

הרוו"ח אי"א נו"נ כו'
מוה"ר נפתלי שי' שו"ב

שלום וברכה!

במענה על מכתבו מד' פנחס, בו שואל ע"ד:

א)מנין בבית הכנסת אשר רק פחות מעשרה/הם שומרי שבת והשאר אינם ר"ל, ובעברו דרך שם בבקר ש"ק, בקשוהו להכנס ולהיות הש"ץ שלהם במנין הראשון, כיון שממהרים הם לעבודתם, ובכ"ז רוצים להתפלל בצבור וחלק גדול אומרים קדיש וכו'. והספק הוא הצריך הוא להענות לבקשתם ולירד לפני התיבה.

והנה כנראה מהתאור שלו, לא רצו הם בעצמם לירד לפני התיבה מפני ידיעתם שבלתי שומר שבת אין עליו לעשות כזה, ולולי שיקבל הוא על עצמו להיות ש"ץ-יבטל המנין וקרוב לודאי שחלק גדול גם לא יתפללו.

ואם כן הוא, אין דעתי נוחה מדין קנאות שלא במקום המתאים לגמרי. ואומרים לאדם שיחטא/חטא קל בשביל להציל חבירו מחטא חמור. ואף שי"א שהוא דוקא במקום שלו יש חלק בחטא חבירו, אינו כן במדת חסידות. ובנידון דידן יש לצרף, עכ"פ בתור סניף: א) הדיעות שחילול שבת בפרהסיא כאילו כו' הוא רק במלאכות מסוימות ובפני עשרה מישראל כו' וכו'. וכמצוין באחרונים לשו"ע יו"ד סי' ב' ס"ה.

ב) אם לא הי' ממלא בקשת הנ"ל נחשב הי' בעיניהם לדחי' בשתי ידים וכו', ומעין חילול השם. -ב) אם יתפלל בבית הכנסת שאין בטוחים כ"כ במהות היורדים לפני התיבה. אבל ע"י כניסתו לשם יש בידו לתקן ענינים בסדר התפלה ובהלימודים.

מובן שמענה על זה-תלוי במהות החסרון שיש בהחזנים או המתפללים, כו'. ומה שראינו ברובא דרובא-שהוא גם/אין מתפללים שם, אבל נכנסים מזמן לזמן ומשתתפים בלימודיהם-גם זה מספיק שיקבלו הצעות וכיו"ב, כשמסבירים להם הנחיצות והתועלת בזה. מובן שעי"פ הנ"ל-צריך להעשות באופן דיפלומטי, שלא ירגישו שמתפלל בפ"ע ובמקום אחר.

בעת רצון אזכיר את כל אלו שכותב אודותם על הציון הק' של כ"ק מו"ח אדמו"ר זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע, ואת בנו דובער שליט"א לפרנסה מתוך הרחבת הדעת וקבי"ע, אשר שני הענינים גם יחד נדרשים מכל אחד מבני ישראל. והשי"ת יזכה את כת"ר ויצליחו לבשר טוב בכל הנ"ל.

בטח מלא בקשתי למסור עכ"פ איזה ענינים מהתועדות לאנ"ש שיחיו במחנו הט'. ותי"ח.

בברכה

א) עי' נב"ז תוד"ה כופין גטין מא,ב. ריב"א בתוד"ה וכי שבת ד,א. רמב"ן בשבת שם בתירוץ ב'. ר"ח שבת שם בשם י"א. ריטב"א עירובין לב,ב.

מכתב שנשלח אל ר' נפתלי יוניק ע"ה, שצילומו מתפרסם כאן לראשונה
(נדפס באג"ק חי"א אגרת ג'תרמד)

# קוים קצרים לדמותו של הרה"ח ר' נפתלי יוניק

הרה"ח ר' נפתלי יוניק ע"ה נולד להוריו הרה"ח ר' דוב ומרת מאליא, ביום ו' אדר־שני תרס"ב, בעיירה זוועניגאָראָדקע. משפחתו היתה מחסידי הרה"צ ר' דוידל מטאָלנע והרה"צ ר' וועלוועלע מראַכמיסטריווקע, לבית טשערנאָבל.

בגיל שבע עשרה, כאשר אביו נפטר, נתמנה לשו"ב במקומו. בערך בגיל עשרים ואחת הגיע לבאָהפּאלי[1], שם נשא לאשה את מרת גאלדא איטא בת הרה"ח ר' שמשון אהרן (שהגיע גם הוא מזוועניגאָראָדקע) ונחמה היילפרין. מגיל עשרים וארבע עד גיל שלשים, הי' ר' נפתלי שו"ב בעיירה פרילוקי.

פרילוקי היתה עיירה של חסידי ליובאַוויטש. הרה"ח ר' הלל סאָלצאָווסקי[2] שימש בה כמשפיע, ועל־ידו התקרב ר' נפתלי לליובאַוויטש.

לאחר־מכן הוכרח לעזוב את עירו ונסע למאָסקוואַ, ובזמן המלחמה עברה המשפחה לטאַשקענט. במקומות אלו התפרנס ממלאכות כפיים שונות בכדי שיוכל לשמור שבת.

בשלהי תש"ו יצא את רוסיא עם אנ"ש, שהה במחנות בפאָקינג שבאשכז ואח"כ בפּאַריז. בתחלת שנת תשי"ב הגיע למאָנטרעאָל, וע"פ הוראת כ"ק אדמו"ר זי"ע התיישב בה. שם עסק במלאכות השו"ב ומוהל, ויסד שיעורי תורה לרבים.

נפטר כ"ט כסלו תשנ"ה, ונטמן בבית העלמין במאָנטרעאָל.

בתקופה שהתגורר במאָסקוואַ, הגיע אליו פעם הרה"ח ר' פרץ מאָצקין שהי' אוסף כסף עבור תומכי־תמימים. כאשר נכנס לביתו, הלך ר' נפתלי לחדרו והוציא את ארנקו בו הי' נתון כל כספו והביא זאת לר' פרץ, ור' נפתלי ביקש ממנו אם יכול להשאיר אצלו כמה פרוטות בשביל מזון למחי'.

פעם הגיע לרבי ביום הקריאה, וכאשר הרבי יצא לקרה"ת ראה אותו ואמר לגבאי הרה"ח ר' יוחנן גאָרדאָן שייתן לר' נפתלי את העלי' שלו (שלישי). ר' יוחנן העלה את הרבי כרגיל, והרבי הורה לעשות מנין נוסף ולהעלות אותו.

---

1) כיום פּערוואָמאַיסק.

2) עליו בקיצור ברשימה דלהלן אודות ר' הלל פּאַריטשער.



חסידי חב"ד במחנה בפּאָקינג בעת ביקור רבנים מועד ההצלה. מימין לשמאל: ר' נפתלי יוניק (זקנו של חתן הבר־מצוה מצד אמו), ר' מענדל רסקין, ר' יעקב יוסף רסקין (זקנו של חתן הבר־מצוה מצד אביו), ר' מרדכי שוסטרמן. בצד שמאל נראה אחד הרבנים.



הרה"ח ר' נפתלי יוניק ע"ה

חלק א

# רבותינו נשיאינו

## אדמו"ר הזקן

**א.** דער אַלטער רבי נ"ע, איידער ער האָט געדרוקט דעם "תניא" האָט ער געשיקט די כתבים קיין אשכנז, דאַכט זיך קיין לייפּציג, און האָט געזאָגט דעם שליח, ער זאָל גיין דאָרט אין אַ טעאַטער, און דאָרט געפינען דעם שומר און אים זאָל ער ווייזן די כתבים און פרעגין, צי ער זאָל דרוקען די דאָזיקע כתבים.

דער שליח איז געקומען אין יענער שטאָט און האָט געפרעגט וואו איז דאָ אַ טעאַטער, האָט מען אים אָנגעוויזן, גענומען אַ בילעט און זיך אַוועקגעזעצט און איז אַנשלאָפן געוואָרן.

די שפּיל האָט זיך געענדיקט, דער עולם איז צוגאַנגען און ער, דער שליח, שלאָפט נאָך אַלץ. איז צוגעקומען צו אים דער שומר און האָט אים אויפגעוועקט מיט די ווערטער: וואָס זיצטו דאָ?

אַז דער שליח האָט דערזען דעם שומר, האָט ער אים געוויזען די כתבים, און אים געזאָגט, אַז דער רבי פרעגט אים צי ער זאָל דרוקען דעם "תניא". האָט דער שומר אַ בלעטער געטאָן די כתבים און האָט געענטפערט: יאָ, יאָ! איך בין מסכים.

ווער דער שומר איז געווען ווייסט מען נישט.

(שמעתי מר' ישראל נעוולער ז"ל).

**ב.** בעת דער אַלטער רבי האָט געשיקט דרוקען דעם "תניא", האָט ער אָנגעזאָגט דעם שליח, ער זאָל קיינעם נישט ווייזן די כתבים.

האָט זיך געטראָפן אין מיטן וועג, אַז דער שליח באַגעגענט איינעם פון די גדולים, וואָס האָט אים געפרעגט וואוהין ער פאָרט, האָט ער געענטפערט אַז ער פאָרט דרוקען דעם "תניא". האָט דער דאָזיקער גדול געזאָגט צו אים: געב מיר אַ קוק טאָן די כתבים. האָט דער שליח נישט געקענט אים אָפּזאָגן און האָט אים געוויזן די כתבים.

יענער האָט אויף שנעל דורכגעקוקט די כתבים און האָט געזאָגט: זייער גוט! און האָט אַ קוק געטאָן די כתבים. זאָגט מען אַז עס האָט געשאַדט! (אַ מין עין הרע).

ג. בעת מען איז געפאָרן דרוקן דעם סדור פון נוסח אר"י, איז דער אַלטער רבי נ"ע נאָכגעגאַנגען נאָכן וואָגן און אָנגעזאָגט דעם שליח מען זאָל, למען השם, שטעלן אַ קמץ אונטער דער "ל" פון דעם וואָרט "לָא־ל" אין "לא־ל ברוך נעימות יתנו", נישט לְא־ל - מיט אַ שב"א.

(איך האָב געהערט פון ר' ישראל נעוולער).

## אדמו"ר האמצעי

ד. ביי ר' מרדכי ליעפּלער ז"ל איז קראַנק געוואָרן אַ זון, און פון טאָג צו טאָג איז אים ערגער געוואָרן. די דאָקטוירים, וואָס האָבן דעם קראַנקן זון באַטראַכט, האָבן זיך שוין מייאש געווען. האָט ער געשיקט אַ קוויטל מיט אַ "פדיון" צום מיטעלן רבין נ"ע.

ר' מרדכי ז"ל האָט אַרויסגערעכנט, אַז עס דאַרף נעמען פיר טעג ביז דער בריוו וועט אָנקומען צום רבין, און פיר טעג אויף צוריק. אויף דעם 9־טען טאָג איז ער געשטאַנען אין דרויסן און געוואַרט אויף דעם פּאָסט-טרעגער. עס איז אָבער דעם טאָג קיין ענטפער נישט אָנגעקומען. דעם צווייטן טאָג נאָך דעם - אויך נישט, און אַזוי אויך דעם דריטן טאָג.

ערשט אויפן פערטן טאָג האָט ער באַמערקט ווי דער פּאָסט-טרעגער לויפט פאַרביי אין גאַס. האָט ער אים געפרעגט צי ער האָט אַ בריוו פאַר אים. האָט דער פּאָסט-טרעגער געענטפערט אַז יא, נאָר ער האָט קיין צייט נישט, ווייל ביים פריץ איז פאַראַן אַ גרויסער פּראָפעסאָר פון ווין, און ער דאַרף שוין אַוועקפאָרן, דאַרף ער אים בייטן די פערד. דאָס זאָגנדיק, האָט ער פאַר אים אַוועקגעוואָרפן אַלע בריוו און געזאָגט: געפין אַליין דיין בריוו.

אַז ר' מרדכי האָט געפונט זיין בריוו, האָט ער געליינט, אַז דער רבי שרייבט אים: דיין בריוו האָב איך געליינט, און איך בין געגאַנגען אַהין און צוריק אין צימער, און אַ רפואה קענסטו געפינען פון ווייטן און נאָענט. ביי דער זייט פון בריוו איז געווען צוגעשריבן: אויף קיין געלט זאָלסטו נישט קוקן!

איז ר' מרדכי גלייך געלאָפן צום פריץ - צום פּראָפעסאָר. עס זיינען געווען דאָרט אַסך מענטשן, נאָר ער האָט אויף קיינעם נישט געקוקט און איז גלייך צוגעגאַנגען צום פּראָפעסאָר און אים דערציילט פון זיין צרה.

האָט אים דער פּראָפעסאָר געזאָגט, אַז ער קען גאָרנישט העלפן, ווייל ער מוז שוין צוריקפאָרן קיין ווין. האָט ר' מרדכי צו אים געזאָגט: איך וועל אייך געבן אַ טויזנט רובל פאַרן וויזיט. אַמאָל איז דאָס געווען אַ וועלט מיט געלט. האָט דער פּראָפעסאָר מסכים געווען און איז געגאַנגען באַטראַכטן דעם חולה.

ווען ער האָט באַטראַכט דעם קראַנקן, האָט ער געשיקט צום פריץ, אַז מע זאָל

אים ברענגען זיין רענצל, ווייל דאָרט געפינט זיך אַ רפואה פאַרן קראַנקן. אויך זאָל מען ברענגען אַן אָרטיקן דאָקטאָר כדי ער זאָל אים זאָגן וואָס צו טאָן.

אַז מע האָט אים געבראַכט זיין רענצל מיט די רפואות, האָט ער אַרויסגענומען פון דאָרט אַ זאלב און געוויזן דעם צווייטן דאָקטאָר, ווי און וואו צו שמירן די זאלב. דער פּראָפעסאָר האָט דערקלערט דעם אָרטיקן דאָקטאָר, אַז דער קראַנקער איז פאַרגיפטעט געוואָרן פון אַ קראַנקן צאָן וואו עס האָט זיך אָנגעקליבן "לחה", און זי זאלב וועט אַרויסציען די "לחה", און די "מאַטעריע" וועט פאַרשווינדן, און דער קראַנקער וועט געזונט ווערן. און אַזוי איז געשען.

(שמעתי מר' יהודה חיטריק).

## אדמו"ר מהר"ש

**ה.** אַ רב האָט געוואָלט אָננעמען אַ שטעלע אין אַ שטעטל. האָבן די בעלי־בתים צו אים געזאָגט: אויב ער וועט ברענגען אַ הסכמה פון רבין מהר"ש ז"ל וועלן זיי אים אויפנעמען פאַר אַ רב. איז ער געפאָרן צום רבין מהר"ש ז"ל.

האָט דער רבי מהר"ש אים געזאָגט, אַז ער זאָל פאָרן צו הרב שוואַרץ קיין סלוצק, און אויב דער רב וועט מסכים זיין, וועט ער אויך אים געבן זיין הסכמה. איז דער רב געקומען אין סלוצק און דערציילט הרב שוואַרץ, אַז דער רבי מהר"ש ז"ל האָט אים געשיקט נאָך אַ הסכמה. האָט דער רב פון סלוצק נישט פאַרשטאַנען נאָך וואָס דער רבי האָט געשיקט צו אים, ווען ער קען אים אַפילו נישט. פונדעסטוועגן האָט דער סלוצקער רב געהייסן דעם שטעטלדיקן רב צו בלייבן ביי אים עטלעכע טעג, און יענער איז געבליבן.

דער סלוצקער רב האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דעם פנים פון דעם אורח און באַמערקט אַז זיין צורה איז אים באַקאַנט. לסוף האָט ער זיך דערמאָנט, אַז איידער ער איז געוואָרן רב אין סלוצק, איז ער געווען רב אין אַ קליין שטעטל. אַמאָל האָט ער באַדאַרפט פאָרן ערגעץ. האָט ער געדונגען אַ פור, און אויסגענומען מיטן בעל־עגלה, אַז ער וועט אים באַצאָלן כך וכך, אַבי דער בעל־עגלה זאָל קיין פרוי אויף דעם וואָגן נישט אַרויפנעמען.

אין מיטן וועג זענען געשטאַנען צוויי מענטשן און האָבן געבעטן, אַז מען זאָל זיי אַביסל אונטערפירן. זאָגט דער בעל־עגלה, אַז דער רב איז דער בעל־הבית. האָט דער רב מסכים געווען אַרויפצונעמען די צוויי מענטשן. האָבן די צוויי לייט, ווען זיי זיינען אַרויפגעקומען אויפן וועגן, אָנגעהויבן שמועסן צווישן זיך. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינע פון די צוויי איז אַ פרוי. די דאָזיקע צוויי האָבן גערעדט צווישן זיך ניבול פה, ביז וואַנען דער רב האָט זיי משלח געווען פון דער פור.

איצט, לויט דער צורה פון דעם שטעטלדקן רב, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז

דאָס איז דער זעלבער מאַן וועמען ער האָט דעמאָלט משלח געווען פון זיין וואָגן צוליבן רעדן ניבול פה מיט דער פרוי. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אים שוין קיין הסכמה צו ווערן רב נישט געגעבן.

דעמאָלט האָט ער פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער רבי מהר"ש ז"ל האָט אים געשיקט קיין סלוצק. דאָ האָבן מיר אַ ביישפּיל פון אָפּענעם רוח הקודש.

(איך האָב געהערט פון ר' יהודה חיטריק).

ו. נאָך אַ מעשה האָט געטראָפן ביים רבי מהר"ש ז"ל וואו מען האָט געזען זיין אָפּענעם רוח הקודש. אַ מלמד פון אַ שטעטל איז געקומען צום רבין מהר"ש ז"ל אויף יחידות. האָט אים דער רבי מהר"ש ז"ל געזאָגט, אַז אויפצונעמען אַ חסידישן רב דאַרף מען האָבן מסירות נפש. דער מלמד האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער רבי מהר"ש ז"ל זאָגט אים דאָס.

ווען דער מלמד איז געקומען אַהיים צו זיך אין שטעטל, האָט ער געהערט, אַז עס קומט פאָר אַן אסיפה, כדי אויפצונעמען אַ חסידישן ייד פאַר אַ רב אין שטעטל. איז דער מלמד געגאַנגען צו דער אסיפה און געזאָגט דעם עולם: ווער דאַרף זאָגן אַ דעה וועמען אויפצונעמען פאַר אַ רב? - דער וואָס קען בעסער לערנען. האָבן די יידן אויף דער אסיפה מסכים געווען.

דעמאָלט האָט דער מלמד צו זיי געזאָגט: אָט ליגט אויפן טיש אַ מהרש"א אויף דער גמרא, וועל איך אייך זאָגן דעם מהרש"א אויף אויסווייניק אויף יעדער גמרא וואָס איר וועט אויפמישן. זענען אַלע אַרויס פון די כלים, ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט אַז דער מלמד קען דעם מהרש"א אויסנווייניק. זיי האָבן גאָרנישט געוואוסט, אַז דער מלמד איז אַזאַ גרויסער למדן. דעמאָלט האָט דער מלמד צו זיי געזאָגט: איך בין מסכים מע זאָל אויפנעמען דעם חסידישן ייד פאַר אַ רב אין שטעטל.

דער מלמד האָט איצט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער רבי מהר"ש ז"ל האָט אים געזאָגט, אַז מע דאַרף זיך מוסר נפש זיין, כדי אויפצונעמען אַ חסידישן רב אין שטעטל.

ז. אין נעוועל איז געווען אַ בעקער, וואָס קיין קינדער האָבן זיך ביי אים נישט געהאַלטן רח"ל. איז ער געפאָרן צום רבין מהר"ש נ"ע. האָט אים דער רבי מהר"ש נ"ע געהייסן, ער זאָל לערנען תנ"ך. דער דאָזיקער בעקער איז געווען אַ פשוטער ייד, האָט ער געלערנט דעם תנ"ך מיט עברי-טייטש.

איין מאָל איז ער געקומען פון שול, האָט ער געזען, אַז מענטשן שטייען אַרום זיין שטוב. וואָס האָט געטראָפן? ער האָט געהאַט אַ קליין קינד און עס איז געלעגן אין בעט, און דאָס ווייב זיינס האָט פאַרגעסן און אַוועקגעשטעלט די שיסל מיט

דער ראשטשענע אויפן בעט פונקט אויפן אָרט וואו דאָס קינד איז געלעגן. איז דאָס קינד לא עלינו פאַרשטיקט געוואָרן.

ער האָט דעמאָלט פונקט געהאַלטן אין תנ"ך וואו דער נביא אלישע האָט מחי' געווען דאָס קינד פון אבישג השונמית. האָט ער, דער בעקער, געהייסן אַלעמען אַרויסגיין פון צימער, און ער האָט געטאָן וואָס אלישע האָט געטאָן צו יענעם קינד, פונקט אַזוי ווי ער האָט געלערנט אין תנ"ך, און זיין קינד איז צוריק לעבעדיק געוואָרן.

האָבן אַלע געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ מופת פון דעם רבין מהר"ש, און מעט האָט שוין פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער רבי זצ"ל האָט געהייסן דעם בעקער לערנען תנ"ך. דער ייד איז געווען אַ פשוטער ייד, אָבער מיט זיין גרויסער אמונה אין דעם וואָס ער האָט געלערנט אַזוי ווי דער רבי האָט אים געהייסן, האָט ער אויפגעטאָן דעם גרויסן מופת.

ר' ישראל נעוולער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט געקענט דעם יונגן מאַן וואָס זיין פאָטער, דער בעקער, האָט אים מחי' געווען.

(איך האָב געהערט פון ר' ישראל נעוולער ע"ה).

## אדמו"ר מהורש"ב

**ח.** גורארי' פון קרעמענטשוק האָט געוואָלט נעמען ר' ישראל נעוולער פאַר אַ מלמד פאַר זיינע קינדער. איז ר' ישראל אַריינגעגאַנגען פרעגן דעם רבין רש"ב נ"ע. האָט אים דער רבי געזאָגט, ער זאָל די שטעלע ניט אָננעמען. איז הרב גורארי' אַריינגעגאַנגען צום רבין נ"ע און אים געפרעגט, צי ער זאָל נעמען ר' ישראלן פאַר אַ מלמד צו זיינע קינדער. האָט דער רבי ז"ל געענטפערט: ר' ישראל איז אַ גוטער מלמד.

איז ר' גורארי' אַרויסגעגאנגען פון רבין און געזאָגט, אַז דער רבי האָט געהייסן נעמען אים פאַר אַ מלמד. איז ר' ישראל נאָכאַמאָל אַריינגעגאַנגען איבערפרעגן. האָם אים דער רבי ווידער אַ מאָל געזאָגט, ער זאָל די שטעלע ניט אָננעמען.

ווען ר' ישראל איז אַרויסגעקומען פון רבין האָבן זייביידע נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. זיינען זיי צוזאַמען אַריינגעגאַנגען איבערפרעגן דעם רבין ז"ל. האָט דער רבי געזאָגט: אים האָב איך געזאָגט וואָס איז גוט פאַר אים, און דיר, גורארי', זאָג איך וואָס איז גוט פאַר דיר.

לסוף האָבן זיי ביידע באַשלאָסן אַז ר' ישראל זאָל פאָרן קיין קרעמענטשוק און ווערן אַ מלמד ביים גורארי'. מסתמא, האם ער אים צוגעזאָגט אַזוי פיל שכירות, אַז עס האָט ר' ישראלן געלוינט.

**ט.** אין אַ דאָרף האָט געוואוינט אַ יידישער אַרענדאַר, וואָס האָט פאַרקויפט בראָנפן פאַר די פּויערין פון דאָרף. האָט זיך פאַרגלוסט דעם גלח פון דאָרף אויך צו פאַרקויפן בראָנפן, און האָט געעפנט אַ שענק פּונקט אַנטקעגן דעם יידנס קראָם.

כדי פטור צו ווערן פון דער קאָנקורענץ פון דעם יידישען אַרענדאַר, האָט דער גלח גערופן צו זיך אַ שכור פון דאָרף, און אים געגעבן אַ פלאַש מיט בראָנפן, און געהייסן אים פאַרבעטן דעם אוראדניק (דאָרפישער פּאָליצײ־מאַן) אין דער יידישער שענק צו טרינקען דאָרט צוזאַמען בראָנפן. אָנגעזאָגט האָט דער גלח דעם גוי, דער שכור, אַז ער אליין זאָל טרינקען פון דעם יידנס בראָנפן, נאָר דעם אוראדניק זאָל ער געבן צו טרינקען פון דעם פלאש, וואָס דער גלח האָט אים מיטגעגעבן.

האָט דער גוי אַזוי געטאָן, ווי דער גלח האָט אים געהייסן. ווען דער אוראדניק האָט אויסגעטרונקען דעם בראָנפן פון דער פלאַש, וואָס דער גלח האָט געגעבן צום דערמאָנטן גוי, איז ער אַוועק-געפאַלן אַ טויטער. איז געוואָרן אַ גרויסער רעש אין דאָרף, אַז דער ייד האָט פאַרסמט דעם אוראדניק.

פאַרשטייט זיך, אַז דער ענין איז אָנגעקומען אין געריכט אריין און אויף דעם יידן איז געווען זייער אַ שווערע באשולדיקונג. דער ייד איז דעמאלט געפאָרן פרעגן אַן עצה ביים רבין רש"ב נ"ע, און דער רבי רש"ב האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל פאָרן אַהיים מיט דער באַן אין ערשטן קלאַס, און השי"ת וועט העלפן. דער ייד האָט אַזוי געטאן.

אַז עס איז געקומען די צייט צו דאַווענען מעריב, האָט דער ייד שטאַרק געוויינט ביים דאַווענען - אין צוויי טעג אַרום האָט געדאַרפט פאָרקומען זיין פּראָצעס.

אין דער זעלבער אָפּטיילונג וואו עס איז געפאָרן דער ייד, איז אויך געפאָרן אַ קריסט. נאָך דעם דאַווענען האָט דער קריסט געפרעגט דעם יידן, פאַרוואָס ער האָט אַזוי געוויינט. האָט דער ייד אין אָנהויב נישט געוואָלט אים זאָגן. ווען, אָבער, דער קריסט איז צוגעשטאַנען צום אים און געזאָגט, אַז אפשר וועט ער אים קענען העלפן, האָט אים דער ייד דערציילט די גאַנצע מעשה, און צום סוף מיט געוויין, פאַרזיכערט דעם קריסט, אַז ער ווייסט פון גארנישט. מסתמא, האָט עס אים עמיצער אונטערגעשטעלט.

דער דאָזיקער קריסט איז געווען דער ריכטער וואָס האָט געדאַרפט משפטן דעם יידן אין צוויי טעג אַרום. נאָכן אויסהערן די דערציילונג פון דעם ייד איז דער קריסט, דער ריכטער, פאַרפאָרן אין דעם דאָרף וואו דער ייד האָט געוואוינט און איז גלייך געגאַנגען אין שענק אַריין פון דעם גלח. דאָרט האָט ער געגעבן די שיכורע גויים צו טרינקען בראָנפן.

אַז זיי האָבן זיך אָנגעשיכורט איז די צונג ביי זיי געוואָרן פריי. האָט זיך אָנגערופן איינער אַ שכור: מאָרגן דאַרף זיין דער פּראָצעס פון דעם יידן, מע וועט אים שוין זיכער פאַרשיקן וואו דער פעפער וואַקסט. דערביי, האָט ער דערציילט, אַז דאָס איז געווען זיין שקיטל אַרבעט. ער האָט געגעבן צו טרינקען דעם אוראדניק נישט פון דעם יידנס בראָנפן נאָר פון דער פלאַש, וואָס דער הייליקער גלח האָט אים געגעבן.

אַז עס איז געקומען צום פּראָצעס, איז דער דערמאָנטער שכור אַרויסגעטראָטן פאַר אַן עדות און דערציילט, אַז ער האָט געגומען ביים יידן בראָנפן, און ווי דער אוראדניק האָט אויסגעטרונקען דעם יידנס בראָנפן איז ער באַלד געשטאָרבן.

האָט דער ריכטער, הערנדיק דאָס, אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פוס אויפן דיל און געזאָגט: וואָס האָסטו נעכטן דערציילט אין שענק, וואָס איך האָב געהערט מיט מיינע אייגענע אויערן? דער שכור, פאַרשטייט זיך, האָט געמוזט זיך מודה זיין, און דער שכור מיט דעם גלח האָבן שוין קיין האָניג נישט געלעקט...

"כן יאבדו כל אויביך ה'".

י. די מעשה האָב איך אַליין געהערט אין טאַשקענט פון ר' יעקב דעם כאַראָלער שוחט. זיין פאָטער האָט געוואוינט אין אַ דאָרף און האָט אָנגעהויבן בויען אַ דירה. עס איז געווען די צייט, ווען די צאַרישע רעגירונג אין רוסלאַנד האָט געהאַט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז יידן טאָרן נישט בויען קיין נייע הייזער אין די דערפער. האָט דער סטאַראַסטע (דער עלטסטער פון דאָרף) אָנגעגעבן אין געריכט, אַז מען זאָל אַראָפּנעמען דעם בנין, וואָס דער ייד האָט אָנגעהויבן בויען.

איז דער דערמאָנטער פאָטער פון ר' יעקבן געפאָרן צום רבין רש"ב נ"ע. האָט דער רבי ז"ל אין געזאָגט ער זאָל בויען ביינאַכט און אַז השם יתברך וועט העלפן. די שטוב איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן גרעסער. די מוטער זיינע האָט געשריען, פאַרוואָס טוט ער עס, אָבער ער האָט געהאַט איין ענטפער, אַז דער רבי האָט אַזוי געהייסן.

אַז עס איז געקומען דער טאָג, ווען עס האָט געדאַרפט פאָרקומען דער פּראָצעס, איז דער סטאַראַסטע פון דאָרף געפאָרן אין שטאָט אַריין צום פּראָצעס. דער דאָזיקער סטאַראַסטע האָט געהאַט אַ בת יחידה. איז זי, די טאָכטער זיינע, געגאַנגען באַגלייטן איר פאָטער צום צוג.

ווען דער צוג האָט שוין אָנגעהויבן גיין האָט ער נאָך אַלץ גערעדט מיט דער טאָכטער און איז נאָכגעגאַנגען נאָכן צוג, אַז דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין שנעלער האָט ער זיך געוואָלט אַרויפכאַפּן אויף אים, האָבן די רעדער פאַרכאַפּט אַן עק פון זיין מאַנטל. פּראָוואונדיק אַרויסשלעפן דעם עק, איז ער אַרונטערגעפאַלן אונטער די רעדער פון לויפנדיקן צוג און איז געהרגעט געוואָרן.

אַז דער סטאַראַסטע האָט זיך צום פּראָצעס נישט געשטעלט, איז די גאַנצע אנקלאגע קעגן דעם יידן בטל געוואָרן.

"כן יאבדו כל אויביך ה'".

**יא.** ר' ניסן נעמענאָוו האָט מיר דערציילט, אַז ר' שילם איז אַמאָל אַריין צום רבין נ"ע און געפרעגט פאַרוואָס שיקט מען די קליינע יינגלעך עסן טעג, ווייל מע זאָגט אַז איניקע בע"ב וואָס ביי זיי נוצט מען חלב עכו"ם, איז ווי וועט זיך ביי זיי אָפּלייגען אַ ווארט חסידות... טאָמער וועלען זיי נכשל ווערען מיט חלב עכו"ם.

## אדמו"ר מהוריי"צ

**יב.** דער רבי ר' יוסף יצחק נ"ע האָט געבעטן מע זאָל אים גליך אַריינלאָזן אויף יחידות צו זיין פאָטער דעם רש"ב נ"ע אויף יחידות, איז אַריינגעקומען אַ ייד און געבעטן מע זאָל אים גלייך אַריינלאזן אויף יחידות צום רבין, ווייל ער מוז באַלד אַוועקפאָרן. האָט אים דער רבי ר' יוסף יצחק נ"ע אַריינגעלאָזט אויף זיין אָרט.

דערנאָך איז דער רבי ר' יוסף יצחק נ"ע אַריינגעגאַנגען אויף יחידות און געבעטן ביי זיין פאָטער אויף אַ בן־זכר. האָט אים דער רבי רש"ב נ"ע געענטפערט: איך האָב היינט געהאַט 3 יינגלעך צו פאַרטיילן, האָט דאָס דריטע יינגל צוגענומען דער ייד, וואָס דו האָסט אַריינגעלאָזט פאַר דיר.

פון דעם זעט מען, אַז מע זאָל נזהר נישט מוותר צו זיין די רייד, ווען מען דאַרף אַריינגיין צו אַ צדיק אויף יחידות.

**יג.** עוד בחייו פון רבין רש"ב נ"ע איז ר' ישראל נעוולער געזעצן מיט דעם פריערדיקען רבין הריי"צ נ"ע ביים רבין אין צימער (אָפּיס) און זיי האָבן וועגן עפּעס גערעדט. זיי האָבן דעמאָלס גערויכערט סיגאַרעטן. ביי ר' ישראל האָט זיך אָנגעקליבן אַש אויף זיין סיגאַרעט, האָט ער געוואָלט אַריין וואַרפן דאָס אין אַש־קעסטיל. האָט דער רבי נ"ע פאַרשטעלט פאַר אים מיט זיין האַנט דאָס אש־קעסטיל. אַזוי האָט זיך דאָס איבער געחזרט עטלעכע מאל, האָט ער שוין מער נישט געפּרואווט.

(שמעתי ממנו).

**יד.** ווען כ"ק אדמו"ר (מוהריי"צ) נ"ע איז געווען אין אַמעריקע דער ערשטער מאָל, אין שנת תר"צ, איז ער געקומען צו אַ מלוה מלכה אין דעטראָיט. צו [די] צוויי גבירים וואָס האָבן געמאַכט די מלוה מלכה האָט דער רבי געגעבן זילבערנע מטבעות, צו איינעם האָט ער געזאָגט: דו זאָלסט זי טראָגן אַלעמאָל ביי זיך, דעם אַנדערן האָט ער געהייסן איין נייען אין טלית קטן און טראָגן מיט זיך אַלעמאָל.

מענטשן האָבן זיך געוואונדערט פאַרוואָס האָט ער דעם איינעם געהייסן טראָגן אַזוי און דעם אַנדערן אין טלית קטן.

ווען דער רבי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט דער גביר וואָס דער רבי האָט אים געהייסן טראָגן די מטבע אין טלית קטן געזאָגט צו דעם אַנדערן גביר: דער רבי האָט מיר געגעבן די מטבע צו טראָגן אין טלית קטן, איך טראָג דאָך ניט קיין טלית קטן, וואָס זאָל איך טאָן מיט דער מטבע?

(שמעתי מהרה"ג וכו' הרז"ש דוואָרקין).

## כ"ק אדמו"ר זי"ע

**טו.** דער רבי שליט"א מוצאי אחרון של פסח נאָך דעם פאַרברענגען - סעודתו של משיח - מיט יאָרען צוריק, האָט דער רבי שליט"א מיר געגעבן אַ פלעשל וויין און געזאָגט: עס זאָל זיין צו רפואה. איך האָב ניט געוואוסט אויב דער רבי מיינט רפואת הנפש, רפואת הגוף, אָדער רפואה אין חיי בני מזוני רויחי.

אַסך יאָרן זיינען פאַרבייגעגאַנגען און די וויין איז געשטאַנען ביי מיר. האָב איך זיך באַטראַכט, דער רבי האָט דאָך ניט געגעבן דעם וויין ער זאָל שטיין, נאָר מען זאָל אַוועקגעבן אים צו דעם ווער דאַרף עס. איז געווען אַ מלוה מלכה, האָט מען אויסגערופן אַז עס איז דאָ וויין פון רבין שליט"א פאַר רפואה און מען וועט עס טיילען צו מלוה מלכה. זיינען געקומען אַסך צו באַקומען דעם וויין פאַר זיך אָדער אַוועקצוטראָגן אין שטוב פאַר זייערע בני בית.

מאָנאַטען שפּעטער איז צו מיר געקומען אַ ייד וואָס האָט ערצעהלט: אַז ער האָט גענומען דעם וויין פאַר זיין קראַנקע ווייב אין באָראָ פּאַרק. ער האָט אויך ערצעהלט מענטשן אַז ער האָט וויין פון ליובאַוויטשער רבין שליט"א. איז צו אים געקומען אַ ספרדישער ייד און געזאָגט ער דאַרף דורכגעהן אַ שווערע אָפּערעישען און געבעטן פאַרן וויין.

האָט דער ייד אים געזאָגט: דו האַלטסט שבת אָפּען אַ לאַנדרע[מאַ]ט (וואו מען וואַשט וועש). ביסט דו דאָך אַ מחלל שבת, ווען דו רירסט אָן דעם וויין ווערט דער וויין יין נסך - ווי אַ גוי וואָלט אים אָנגערירט. ווען דו טרינקסט יין נסך האָסט דו אָן עבירה. זאָג צו אַז דו וועסט פאַרמאַכן די לאַנדרע[מאַ]ט [אויף] שבת, וועל איך דיר געבן פון רבינס וויין.

האָט ער פאַרמאַכט די לאַנדרע[מאַ]ט און איז געזונד געוואָרן. נאָך דער אָפּערעישען, ער האָט געדאַרפט האָבן גרויס מסירת נפש, ווייל ער האָט פאַרלאָרען אַסך ביזנעס פון די גוים וואָס קומען אַריין שבת. האָט דער אויבערשטער געהאָלפען, האָט זיך אים געמאַכט צו קויפען אַ מאַשין פאַר דראַי

קלינינג (צו וואַשען ניט מיט וואַסער נאָר מיט כעמיקאַלען) און האָט זעהר מצליח געווען און באַקומען פרנסה ברווח.

איז דער ווין געווען אַ רפואה פאַר זיין נפש - ער איז געוואָרן אַ שומר שבת, אַ רפואה פאַר זיין גוף - געוואָרן געזונד, און אויך פאַר פרנסה ברווח.

**טז.** אַ מעשה מיט אַ יידען וואָס איז געקומען צום רבין שליט"א און געבעטן אַ רפואה פאַר זיין קראַנקע ווייב. האָט דער רבי שליט"א געהייסן פאַר ליכט בענטשן זאָל זי געבן געלט אויף צדקה, און ער זאָל זאָגען די קאַפּיטלעך תהלים נאָך דעם דאַווענען.

ניט זי בענטשט ליכט, ניט ער דאַוונט. גלייך האָט ער געשיקט מען זאָל אים ברענגען אַ פּאָר תפילין און אָנגעהויבען צו דאַווענען אַלע טאָג.

מוצש"ק רופט ער צו זיך הרה"ת ר"א חיטריק (ער האָט מיר ערצעהלט די מעשה) און זאָגט אים: זונטאָג, מאנטאָג, דינסטאָג אַלע טאָג האב איך געלייגט תפילין, שבת זיצענדיק אין סטאָר האָב איך געטראַכט איך בין געוואָרן אַ ייד, ווי אַזוי קען איך אַרבעטן שבת? האָט ער פאַרמאַכט דעם סטאָר שבת.

אַזוי גרויס איז געווען די התעוררות פון תשובה.

**יז.** עמיץ האָט זיך געקלאָגט פאַרן רבין שליט"א, וואָס אויף דער עלטער אַרבעטן ביי אים די חושים שוואַכער, אויך דער קאָפּ אַרבעט ניט ווי געהעריק, און ער זעט נישט גוט אויף די אויגן. האָט אים דער רבי שליט"א געענטפערט: עס שטייט דאָך "כי יצר לב האדם רע מנעוריו". צוליב די זינד פון נעוריו, ליידט מען אויף דער עלטער.

(שמעתי מהרב ניימאַרק, ששמע בעצמו מפי אדמו"ר מסאַטמער).

## חלק ב

# האחים הקדושים מסלאַוויטאַ*

דער שפּאָלער זיידע האָט געהאַט אַ חסיד, וואָס האָט ל"ע קיין קינדער נישט געהאַט. דער דאָזיקער חסיד איז געווען שטאַרק מקורב צום רבין. יעדן מאָל וואָס ער איז געווען ביים שפּאָלער זיידן ז"ל, האָט ער געבעטן אויף קינדער.

איינמאָל איז ער שטאַרק צוגעשטאַנען צום רבין, האָט זיך אָנגערופן דער שפּאָלער זיידע ז"ל: איך שווער דיר, אַז דו וועסט קיינמאָל נישט האָבן קיין קינדער.

אַמאָל פאַר פסח האָט זיך דער חסיד באַטראַכט: אַזוי ווי צום שפּאָלער זיידן האָט ער שוין נישט נאָך וואָס צו פאָרן בעטן אויף קינדער, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש, איז ער געפאָרן קיין קאָרעץ צו ר' פנחס קאָרעצער ז"ל.

ער איז אָנגעקומען קיין קאָרעץ פאַר פסח. האָט ער געבעטן ביי דעם רביצין זי זאָל אים דערלויבן צו זיין ביים רבין אויף פסח אַלס אורח. האָט די רביצין צו אים געזאָגט: מיטן גרעסטן פאַרגעניגן וואָלט איך מסכים געווען, נאָר מיר האָבן נאָך אַפילו נישט קיין מצות אויף פסח, ווער שמועסט וועגן אַנדערע זאַכן ווי פלייש, פיש, וכדומה. זאָגט דער אורח: עס וועט זיין רעכט.

איז דער חסיד געגאַנגען און איינגעקויפט אויף פסח כיד המלך אַלץ וואָס מע דאַרף און געבראַכט צו דעם רביצין. אַז ר' פנחס ז"ל איז געקומען אַהיים נאָך דעם דאַווענען פסח ביינאַכט און געזען ברענען אויפן טיש צוויי גרויסע לייכטער און אַלץ איז צוגעגרייט כיד המלך צום סדר, און דער אורח איז אויך געווען, האָט ער געפרעגט די רביצין: וואו האָסטו גענומען אויף צו מאַכן אַזאַ יום טוב? האָט די רביצין אים געענטפערט, אַז דער אורח האָט אַלץ געבראַכט.

*) ב'תשורה' מחגיגת הבר־מצוה של הת' דובער שי' מונדשיין, ג' סיון ה'תש"פ, נדפס סיפור זה (בקיצור יותר ועם שינויים) כפי שרשמו הרה"ת ר' בערל יוניק ע"ה, כפי ששמעו מאביו ר' נפתלי. וכאן בא כפי שרשמו ר' נפתלי עצמו.

אַזוי ווי ר' פנחס איז געווען זייער אויפגעלייגט, האָט ער געפרעגט דעם אורח: וואָס פאַרלאַנגט איר? האָט דער חסיד אים דערציילט, אַז ער האָט געבעטן ביים שפּאָלער זיידן אַ הבטחה אויף קינדער. האָט דער שפּאָלער זיידע געשוואָרן, אַז ער וועט קיין קינדער ח"ו נישט האָבן. האָט ר' פנחס געזאָגט: און איך שווער דיר, אַז דו וועסט יאָ האָבן קינדער.

איז למעלה געוואָרן אַ רעש: וועמען זאָל מען פאָלגן? איז געבליבן, אַז ווער פון די צוויי רביים האָט קיין מאָל נאָך נישט געשוואָרן, זאָל זיין שבועה מקויים ווערן. האָט מען אויסגעפונען, אַז ר' פנחס האָט נאָך קיין מאָל אין זיין לעבן נישט געשוואָרן, איז זיין הבטחה מקויים געוואָרן.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט די וועלט זיך דערוואוסט פאַרוואָס דער שפּאָלער זיידע ז"ל האָט נישט געוואָלט אַז דער חסיד זאָל האָבן קינדער. פון דער טובה וואָס ר' פנחס קאָרעצער האָט געטאָן דעם חסיד, איז ארויסגעקומען אַ רעה און אַ חלול־השם.

*

די מעשה איז אַזוי געווען. ר' פנחס קאָרעצערס צוויי אייניקלעך, ר' חנינא ליפּע און ר' משה, זיינען געווען די אייגענטימער פון דער באַרימטער סלאַוויטער דרוקעריי[3].

ביי זיי האָט געאַרבעט אַן איינבינדער, אַ ייד אַ שיכור. זיין גאַנץ פאַרדינסט האָט ער פאַרשיכורט און האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין געלט צו ברענגען אַהיים פאַר זיין ווייב און קינדער, וואָס פלעגן ממש אויסגיין פון הונגער. דעם איינבינדערס פרוי האָט געבעטן די בעלי־בתים זיינע זיי זאָלן ווירקן אויף אים, וואָס זיי האָבן פראָבירט טאָן, און עס האָט נישט געהאָלפן.

אַמאָל איז דער איינבינדער געקומען צו זיך אַהיים, און זיין פרוי האָט זייער שטאַרק גערעדט און געוויינט איבער אים, איז אים נמאס געוואָרן זיין לעבן. ווייל אַוועקוואַרפן דאָס טרינקען - האָט ער געפילט קען ער נישט, און אויסהאַלטן זיין ווייב מיט די קינדער קען ער אויך נישט. איז ער אַוועקגעגאַנגען אין דער ווייבערישער שול און זיך אויפגעהאָנגען.

האָט אַן אייניקל פון דעם אויבן דערמאָנטן חסיד, וועמען ר' פנחס קאָרעצער האָט מבטיח געווען צו האָבן קינדער, געמסרט, אַז די בעלי־בתים פון דער דרוקעריי ביי וועמען דער איינבינדער האָט געאַרבעט האָבן דאָס געטאָן, ווייל דער איינבינדער האָט זיך געוואָלט שמדן.

3) ראה סיפורים נוראים (ע' כט. הוצאת מכון 'אהלי־שם' ע' קלא) על מעורבותו של אדמו"ר הזקן בפתיחת בית הדפוס.

האָט מען די צוויי רבנים ר' חנינא ליפע און ר' משה אַרעסטירט, און דאָס רוסישע געריכט האָט געפסקנט, אַז מע זאָל די צוויי רבנים טרייבן "קאַסטראַי". דאָס הייסט מע האָט אויסגעשטעלט אַ לאַנגע צוויי שורות פון סאָלדאַטן מיט שפּיץ-רוטן אין די הענט, און די פאַרמשפּטע האָבן געדאַרפט דורכגיין צווישן די צוויי שורות, און די סאָלדאַטן האָבן זיי געשמיסן מיט די שפּיץ-רוטן. דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן פון זיי, ווייל מע האָט זיי געצוואונגען דורכצוגיין צווישן די שורות נאַקעטערהייט.

אין מיטן דעם גאַנג איז ביי איינעם פון זיי אַראָפּגעפאַלן די יאַרמולקע פון קאָפּ. האָט ער זיך איינגעבויגן און זי אויפגעהויבן, נישט וועלנדיק גיין מיט אַן אויפגעדעקטן קאָפּ. דערווייל האָט ער געכאַפּט נאָך שמיץ.

בדרך הטבע האָבן זיי אַזאַ מאַרש נישט געקענט אויסהאַלטן. נאָר ממש מיט ניסים זיינען זיי געבליבן לעבן.

*

ווי אַזוי? איז מען געוואָר געוואָרן שפּעטער.

אין שטעטל טעפּליק לעבן אומאַן האָט געוואוינט אַן אלמנה, וואָס איר מאַן האָט מען געהרגט רח"ל.

אַמאָל איז זי געגאַנגען צו איר מאַן אויפן קבר זיך אויסוויינען דאָס הארץ. די זעלבע וואָך פרייטאָג צונאַכטס איז געקומען דער הרוג צום רב פון שטעטל צום חלום, און אַזוי געזאָגט: מיין וויב איז געווען ביי מיין קבר, אָבער איך בין דעמאָלט דאָרט נישט געווען. מע האָט אונדז נפטרים פון בית־עולם אַוועקגעשיקט, מיט נאָך אַנדערע נפטרים פון דער געגנט, אַכטונג צו געבן אויף ר' פנחס קאָרעצערס איייניקלעך, וואָס רוסישע סאָלדאַטן האָבן זיי געשמיסן. מיר האָבן געהיטן אַז די נשמות פון די צוויי רבנים זאָלן נישט אַרויס[גיין] פון זייער גוף. אַ סימן האָט איר - האָט דער נפטר ווייטער געזאָגט - אַז אייך איז שווער אַ תוספות, אָט איז דער תירוץ אויף אייער קשיא. בעט איך אייך, איר זאָלט זאָגן מיין פרוי, זי זאָל קומען נאָך אַמאָל אויף מיין קבר.

אין דער פרי האָט דער רב איבערגעגעבן צו דער אלמנה איר מאַנס בקשה. און ער האָט פאַרשריבן לעבן דעם תוספות אין דער זייט אויף דער גמרא די קשיא מיט דעם תירוץ. דערביי האָט ער באַמערקט: התירוץ הזה שמעתי מההרוג ז"ל. אסך מענטשן האָבן אליין געזען די גמרא מיט דעם צושריפט פון דעם רב ז"ל.

אין דריי וואָכן אַרום האָט מען זיך דערוואוסט, אַז פונקט אין דעם טאָג, וואָס די אלמנה איז געווען אויף איר מאַנס קבר, האָט מען געשמיסן די רבנים, ר' פנחס קאָרעצערס איייניקלעך.

יידן האָבן באַצאָלט אַסך געלט אַז מע זאָל די רבנים נישט פאַרשיקן קיין

סיביר. האָט מען זיי פאַרשיקט קיין מאָסקווע, און דאָרטן זיי איינגעזעצט אין טורמע אויף 12 יאר.

*

אין באָהפּאָלי[4], וואו מיין שווער ע"ה איז געווען רב, האָט געלעבט אַ ייד, וואָס מע האָט אים גערופן מאָטיע דער סאָלדאַט. ער האָט לאַנג געלעבט און פלעגט רעדן האַלב רוסיש און האַלב יידיש, און האָט זיך גערעכנט פאַר אַ קרוב פון דעם רב'ס משפחה.

ער איז געווען פון די "פוימעניקעס", אָדער ווי מע האָט זיי גערופן "ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן". דאָס הייסט ער האָט געהערט צו די "חטופים", די "געכאַפּטע". ווי באַוואוסט, האָט דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער, שחיק-טמיא, אַרויסגעגעבן אַ גזירה מע זאָל כאַפּן קליינע יידישע יינגלעך, און זיי פאַרשיקן טיף אין רוסלאַנד, און דאָרט זיי צוטיילן אין פּויערישע הייזער, וואו זיי זאָלן דערצויגן ווערן ווי עכטע פּראַוואָסלאַוונע רוסן. אַסך פון די "געכאַפּטע" יידישע יינגלעך זיינען אויסגעשטאָרבן אויפן וועג. און די וואָס זיינען געבליבן לעבן האָבן געליטן יסורי־מות אין די דאָזיקע רוסישע היימען. אויב זיי האָבן נישט געוואָלט עסן קיין טרפות, האָט מען זיי געשלאָגן מכות־רצח. אַ גרויסער טייל פון די יידישע יינגלעך זיינען אויסגעגאַנגען אין די דאָזיקע רוסישע היימען. גאָר אַ קליינער טייל איז געבליבן לעבן, און אַלט ווערנדיק 21 יאָר האָבן זיי געדאַרפט גיין דינען אין דער רוסישער אַרמיי אויף 25 יאר. דערפון האָט זיך גענומען ביי יידן דער נאָמען "ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן" פאַר די וואָס זיינען צוריק געקומען צו יידן נאָכן אָפּדינען פון דער רוסישער אַרמיי.

דער דאָזיקער מאָטיע דער סאָלדאַט האָט, ווי אַנדערע "געכאַפּטע", דורכגעמאַכט די אַלע גלגולים און ליידן און פּיין, און נאָכן אָפּדינען אין דער ארמיי 25 יאָר איז ער צוריק געקומען צו יידן און זיך באַזעצט אין באָהפּאָלי.

אין דער יידישער צייטונג "דער מאָרגן זשורנאַל" האָט מיטגעאַרבעט אַ שרייבער מיטן נאָמען פנחס ראדיא. ער איז אַליין געווען אַ באָהפּאָליער, האָט ער באַשריבן אין "מאָרגן זשורנאַל" פאַרשידענע טיפּן פון זיין שטאָט. דאָרט האָט ער אויך באַשריבן מאָטיע דעם סאָלדאַט, וואָס דער לעצטער האָט אים אַליין דערציילט:

נאָכדעם ווי דער מאָטיע, וואָס אויף רוסיש האָט מען אים גערופן מאַטוויי, האָט אָפּגעדינט 25 יאָר אין דער רוסישער אַרמיי, האָט מען אים באַשטימט אַלס אויפזעער איבער דער טורמע אין מאָסקווע, אין דער אָפּטיילונג וואו עס האָט זיך

4) כיום פּערוואָמאַיסק.

געפונען דאָס צימער, וואו די רבנים - ר' פנחס קאָרעצערס אייניקלעך זיינען געזעסן.

אין דעם צימער איז געווען אַ קליין פענסטערל, וואָס איז פון דרויסן געווען פאַרמאַכט מיט אַ לאָדן. יעדעס מאָל, ווען דער מאַטוויי פלעגט פאַרבייגיין דאָס דאָזיקע פענסטערל, האָט ער געעפנט דעם לאָדן און אַריינגעקוקט אין צימער צו זען וואָס די רבנים טוען.

דער דאזיקער מאַטוויי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן וועגן זיין יידישקייט. איינמאָל האָט ער באַמערקט ווי די צוויי רבנים גיין אָנגעטאָן אין טלית און תפילין, איז דער דאָזיקער אָפּגעפרעמדטער ייד מאַטוויי, וואָס איז אַפילו שוין געהאַט געוואָרן אַ חתן פאַר דער טאָכטער פון דעם אויפזעער פון די פערד פון דער טורמע, אויפגעציטערט געוואָרן.

איז ער אַריין אין צימער פון די רבנים און זיי געפרעגט אויף רוסיש, ווי אַזוי די זאַכן רופן זיך. האָבן די רבנים אים געזאָגט אַז דאָס זיינען טלית און תפילין. האָט ער געזאָגט: "דאַ.. דאַ..", דאָס מיינט: יאָ.. יאָ.. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין טאַטע האָט אויך געטראָגן אַלע טאָג טלית און תפילין.

האָבן די רבנים צו אים געזאָגט: וויבאַלד אַזוי, ביסטו דאָך אַ ייד. און זיי האָבן אים דערציילט, ווי אַזוי מע פלעגט כאַפּן קליינע יידישע קינדער און זיי פאַרשיקן קיין טיף רוסלאַנד, און ער איז איינער פון זיי.

האָבן זיי אים געפרעגט צי ער וויל ווערן צוריק אַ ייד, האָט ער געזאָגט אַז ער וויל. פון דעמאָלט אָן פלעגט ער אַלע טאָג קומען צו די רבנים אין צימער, און זיי האָבן אים געלערנט לייגן תפילין, און אויסגעלערנט "עברי", און זיי האָבן אים געגעבן זייערס אַ טלית. האָט ער געזאָגט צו זיי: מיט דעם טלית וועל איך גיין אין גרוב אַריין, דאָס הייסט אין קבר אַריין.

אַזוי אַרום איז דער מאַטוויי, וואָס זיין אמתער נאָמען איז געווען מרדכי צימערמאַן, צוריק געקומען צו יידישקייט און זיך באַזעצט אין באפאליא.

איצטער האָב איך פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער דאָזיקער מאָטיע דער סאָלדאַט האָט זיך גערעכנט פאַר אַ קרוב פון מיין שווערס משפחה. מיין שווער ע"ה האָט געירשנט זיין רבנות פון זיין פאָטער. דאָס דאזיקע רבנות איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור אין משך פון צוויי הונדערט יאָר פון פאָטער צו זון, און זיי האָבן זיך גערעכנט פון ר' פנחס קאָרעצערס אָפּשטאַמיקע. אַזוי ווי די רבנים, ר' פנחס קאָרעצערס אייניקלעך, האָבן דעם מאָטיען צוריק געבראַכט צו יידישקייט, האָט ער זיך פאַרעכנט ווי אַ קרוב פון ר' פנחס קאָרעצערס משפחה.

## חלק ג

# הרה"ג הרה"ח וכו' ר' הלל מפּאַריטש*

כמעט את כל הסיפורים הללו, שמעתי מר' הלל סאָלצאָווסקי ז"ל, שהי' הרב של פּרילוקי, ואני הייתי שם השוחט.

**א.** הרב הצדיק ר' הלל נבג"מ מפּאַריץ - זאת עיירה אצל באַברויסק - הי' אחר כך רב בבאַברויסק, וקראו אותו ר' הלל מפּאַריץ, כי מקודם הי' רב בפּאַריץ.

**ב.** הוא נולד לאביו הרב מכוימעץ. אַז ר' הלל איז אַלט געווען צוויי יאָר איז ר' נחום מטשערנאָבל געווען אין כוימעץ, און אויף דעם פּלאַץ פון מאַרק האָט ער געדרשנט. אַלע מענטשן פון שטאָט זיינען געלאָפן הערן די דרשה, און אויף זען דעם רבין אויך דאָס דינסט־מיידל פונעם רב, וואָס האָט געהאַלטן אויף די הענט ר' הללן איז געגאַנגען זען דעם רבין. אַז דאָס קינד האָט דערזען ר' נחומען, האָט ער געוויזן מיט דעם הענטל: אוי, "זיזע".. ביים קינד האָט פייער געהייסן "זיזע". קיינער האָט נישט געזען, נאָר דאָס קינד האָט געזען אויף ר' נחומס קאָפּ אַ "זיזע".

**ג.** אַז ער איז געוואָרן אַביסל עלטער, האָט ער געזען אַז זיין פאָטער פּראַוועט "חצות" און וויינט שטאַרק. פרעגט ער: טאַטע, וואָס וויינסטו? זאָגט דער פאָטער: מיין קינד זאָלסט נישט וויסן פון דעם. (ביי פּראַווען חצות טוט מען תשובה אויף חטאת־נעורים). ענטפערט ר' הלל: איך האָף להשי"ת, אַז איך וועל פון דעם נישט וויסן.

ער פלעגט אַלע יאָרן דאַנקען זיין פאָטער, וואָס פון 9 יאָר אָן האָט ער אים נישט געלאָזט צודעקן די פיס ביים שלאָפן (כדי ער זאָל נישט קומען צו קרי).

**ד.** ביי 12 יאר האָט מען אים שוין גערופן דער כוימעצער עילוי[5]. דאָרט אין

---

*) רשימה זו תורגמה ללה"ק, על-ידי אבינו הרה"ח התמים ר' יהושע ע"ה - זקֵנו של חתן הבר־מצוה - והתפרסמו ב'כפר חב"ד' גליון 962. ושוב ב'תשורה' מחגיגת הבר־מצוה של הת' דובער שי' מונדשיין, ג' סיון ה'תש"פ, נדפסה רשימה זו בתרגום ללה"ק. שם נוספו גם שני סיפורים שהוסיף לאחר זמן.

5) ראה 'רשימת היומן' ע' שפב. מובא ב'ראשי פרקים' לתולדות הר"ר הלל מפאריטש.

שטאָט איז געווען אַ ייד אַ נגיד, האָט ער געשיקט אַ שדכן, אַז ער וויל ר' הללן פאַר אַן איידעם.

דער פאָטער, דער רב האָט נישט געוואָלט דעם שידוך, נאָר זאָגן, אַז ער וויל נישט דעם שידוך פּאַסט נישט, ער איז דאָך דער גביר פון שטאָט, האָט ער זיך אַרויסגערעדט, אַז אויב ער וועט געבן 20 טויזנט רובל נדן וועט ער מסכים זיין. אַז דער גביר האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך אויסגעלאַכט, ווער גיט עס אַזאַ סומע געלט נדן?! (אַמאָל איז 20 טויזנט רובל געווען זייער אַ גרויס פאַרמעגן).

די פרוי פון דעם גביר האָט אָנגעהויבן געוואַלדעווען, אַז דער מאַן זאָל מסכים זיין געבן דעם סכום, אויב נישט, נעמט זי אירע פערל מיט דעם גאַנצן צירונג וואָס זי האָט, און וואַרפט עס אַרויס אין דרויסן. וואָס דאַרף זי דאָס גאַנצע רייכטום, אויב זי קען נישט נעמען פאַר איר גראָטענע טאָכטער אַזאַ מאַן.

דער סוף איז געווען, אַז דער גביר האָט מסכים געווען געבן די 20 טויזנט רובל נדן, און דער רב האָט שוין נישט געקענט כאַפּן צוריק זיינע ווערטער. איז ביי 12 יאָר האָט ער דער יונגער ר' הלל מיט מזל חתונה געהאַט. מע האָט אים גערופן "חול המועד", ווייל חול המועד דאַווענט מען נאָר מיט אַ טלית אָן תפילין. דער יונגער ר' הלל איז נאָך קיין בר מצווה נישט געווען, און ער האָט געדאַוונט נאָך דער חתונה בלויז מיט אַ טלית אָן תפילין[6].

ה. אַז מע האָט אים צוגענומען אין פּאַריץ פאַר רב האָט ער באַדאַרפט זאָגן אַ פלפול ווי דער שטייגער איז געווען. דאָרט אין פּאַריץ איז געווען אַ מלמד אַ גרויסער לערנער אַ מתנגד. האָט ער צוגעגרייט אויף אַ רש"י, וואָס ר' הלל דאַרף וועגן איר זאָגן אין זיין דרשה, 6 קשיות. אַז ס'איז געקומען צו דער רש"י, האָט זיך ר' הלל אָפּגעשטעלט, און האָט אַ טראַכט געטאָן, און האָט געלערנט אַן אַנדערן פשט אין רש"י, און האָט געזאָגט: אויב מיר וועלן לערנען אַנדערש דעם פשט, וועט זיין 7 קשיות. 6 וואָס דער מלמד האָט צוגעגרייט, און נאָך אַ זיבעטע קשיא.

ו. ר' הלל נ"ע האָט געפאָרן פריער צו ר' מאָטלע טשערנאָבלער זצ"ל[7]. אַמאָל איז געקומען צו אים צו פאָרן ר' זלמן זעזמער - אַ חסיד פון אַלטן רבין זצ"ל. דעמאָלט איז געווען שבת פ' זכור, ווען מען לייענט די פרשה פון עמלק, האָט ר' הלל געזען אין ר' זלמנען, אַז ער האָט פיינט עמלקן מער פון אַלע. פרעגט ער אים: וואו האָט איר דאָס גענומען אַזוי צו פיינט האָבן עמלקן? זאָגט אים ר' זלמן: וואו איך האָב גענומען קענט איר נישט נעמען, נאָר אין ליובאַוויטש, ביי מיין

6) ראה 'רשימת היומן' ע' רמט. ב'ראשי פרקים' "על־פי סיפורי חסידים" (הע' 4). מובא בשיחת ש"פ במדבר תש"מ (שיחות־קודש תש"מ ח"ג ע' 159) סל"ח.

7) בספר השיחות תרח"ץ ע' 76, 'רשימת היומן' ע' רכד, ע' שפג - שקודם נסעו לליובאוויטש ביקש ממנו רשות להעשות חסיד של אדמו"ר האמצעי.

רבין קענט איר דאָס נעמען. פון דעמאָלט אָן איז ר' הלל געפאָרן קיין ליובאַוויטש[8].

**ז.** אַז ער פלעגט קומען קיין קרעמענטשוק איז ער איינגעשטאַנען ביי [הרה"ג והרה"ח וכו' ר' יוסף] טאָמאַרקין דעם רב פון שטאָט. דער רב טאָמאַרקין איז געווען אַן אַלטער חסיד פון ליובאַוויטש.

דאָרטן זיינען געווען צוויי שוחטים וואָס הרב טאָמאַרקין האָט געגעסן פון ביידנס שחיטה. ר' הלל האָט נאר געגעסן פון איין שוחטס שחיטה. האָט מען שוין געוואוסט, אַז ר' הלל קומט - דאַרף מען שחטן ביי דעם שוחט און נישט ביים צווייטן.

אַמאָל איז ר' הלל געקומען, האָט די רביצין געכאַפּט אַ הון און איז געגאַנגען צו יענעם שוחט, וואָס ר' הלל עסט פון זיין שחיטה. האָט זי נישט געטראָפן דעם שוחט אין דער היים. טראַכט זיך די רביצין: מיין מאַן קען עסן פון דעם צווייטנס שוחטס שחיטה, מעג ער אויך עסן.

אַז מען האָט דערלאַנגט צום עסן די יויך האָט ר' הלל זיך נישט צוגערירט צו איר. אַז דער רב איז געגאַנגען פרעגן די רביצין וואו זי האָט געשחטן די הון? האָט זי געענטפערט: יענער שוחט איז נישט געווען אין דער היים, האָב איך געטראַכט - דו מעגסט עסן פון דעם צווייטן שוחטס שחיטה און ער נישט?...

איז אַריבערגעגאנגען דער רב און געפרעגט ר' הללן: פאַרוואָס ווילט איר נישט עסן פון דעם שוחטס שחיטה? האָט ר' הלל געענטפערט: דער שוחט איז טאַקע אַ כשרער שוחט, נאָר ער האָט אויף זיך אַ נידוי מלמעלה, ווייל ער האָט געהערט ווי מען איז מבזה אַ תלמיד חכם און האָט נישט מוחה געווען, דערפאַר ער עסט נישט פון זיין שחיטה.

**ח.** שבועות פלעגט ר' הלל נעמען האָניג מיט מילך און לייגן אונטער דער צונג, לקיים מה שנאמר "דבש וחלב תחת לשונך".

**ט.** ביי ר' הלל פּאַריצער האָט זיך געהאָדעוועט אַ פּלימעניצע אַ יתומה, האָט מען איר גערעדט אַ שידוך מיט ר' הלל סאָלצאָווסקיס פאָטער ר' יעקב. (ר' הלל סאָלצאווסקי איז געבוירן אין פּאַריץ ואח"כ איז געוואָרען רב אין פרילוקי). אַז דער פאָטער פון ר' יעקבן איז געקומען צו ר' הללן נ"ע רעדן וועגן דעם שידוך, האָט ער ביי זיך געטראַכט בעטן 500 רובל נדן, אָבער ווען ער האָט געהערט פון ר' הללן די תפילות פון מנחה ומעריב איז ביי אים געבליבן דעם הסכם נישט צו בעטן קיין נדן.

**י.** דער ר' יעקב האָט נאָך דער חתונה געוואוינט אין אַ דאָרף אַרום פּאַריץ. אַמאָל איז ער געקומען צו ר' הללן אויף יום־כפור. זאָגט אים ר' הלל אַז אין פסוק

8) ב'רשימת היומן' ע' קפב: התחיל לנסוע לליובאַוויִץ ע"י ר' זלמן זשעזמער.

שטייט "וכפר בעדו ובעד ביתו", דאַרף מען זיין אין דער היים אויף יום־כפור. איז ער געפאָרן אַהיים און ביינאַכט איז זיין פרוי געגאַנגען צו קינד, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ר' הלל האָט אים געהייסן פאָרן אַהיים.

**יא.** עס האָט געטראָפן נאָך אַמאָל. ווען ר' יעקב איז געווען ביי ר' הללן צו גאַסט, איינמאָל אין מיטן דער נאַכט, זאָגט ר' הלל צו ר' יעקבן: פאָר אַהיים. אַזוי ווי ר' יעקב איז געקומען אין הויף פון זיין הויז האָט ער באַמערקט, אַז גנבים האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין שטוב אַריין. אַז די גנבים האָבן דערהערט אַז עמיצער איז געקומען, זיינען זיי אַנטלאָפן.




מצבת הרה"ח ר' הלל סאָלצאָווסקי ע"ה, מורו של ר' נפתלי, בבית החיים בבאַברויסק, בצמוד למצבתו של כ"ק אדמו"ר הר' שמריהו נח מבאַברויסק נ"ע

**יב.** ר' הלל האָט צוגעזאָגט ר' יעקבן, אַז ער וועט נישט שטאַרבן אָן תשובה. אַ קורצע צייט פאַר ר' יעקבס הסתלקות איז געקומען אַ מוכר־ספרים. ר' יעקב האָט ביי אים געקויפט אַ ספר און האָט געזאָגט: אָט דעם ספר דאַרף איך.

**יג.** אַז ר' הלל נ"ע פלעגט פאָרן קיין ליובאַוויטש, פלעגט ער שטענדיק ברענגען שיריים פון דער "המוציא" פון דעם צמח־צדק זצ"ל.

**יד.** דער צמח־צדק זצ"ל פלעגט איינמאָל אין יאָר שיקן אַ פדיון צו ר' הללן נ"ע פאַר זיך און מהר"ש נ"ע.

**טו.** ר' הלל פלעגט שטענדיק אַרומפאָרן מיט אַ מנין. אַמאָל איז ער געקומען אין אַ דאָרף אַריין און עס זענען געווען נאָר 9 מענטשן, און דאָ דאַרף מען דאַווענען מנחה. פרעגט ר' הלל: אפשר איז דאָ פאַראַן אַ געשמדטער ייד, זאָל מען אים רופן צום מנין. זאָגן די דארפסלייט, אַז דער פריץ איז אַמאָל געווען אַ ייד.

האָט ר' הלל געהייסן רופן אים צום מנין. זאָגט דער פריץ, אויב מען וועט אים געבן 25 רובל וועט ער גיין (אַמאָל איז דאָס געווען אַסך געלט). זאָגט ר' הלל, אַז ער גיט. האָט דער פריץ שוין געמוזט גיין.

ר' הלל האָט געדאַוונט מנחה ומעריב אין אַ באַזונדערן צימער. האָט ער נאָכן דאַווענען אַרויסגעשיקט די 25 רובל צום פריץ. פאַרשטייט זיך, אַז דער פריץ נאָכן

הערן ר' הללן דאַוועגען האָט נישט גענומען דאָס געלט, און האָט געבעטן, אַז מע זאָל אים אריינלאזן צו ר' הללן, ווייל זיינע תפילות האָבן אים דערנומען.

ער איז אַריין צו ר' הללן אין צימער און מיט גרויס געוויין געבעטן אַ תשובה. זאָגט אים ר' הלל: אויב ער וועט פון דאַנען שוין אַוועקפאָרן, וועט ער אים געבן אַ תשובה. זאָגט דער פריץ: איך וועל נאָר פריער גיין זיך געזעגענען מיט דעם ווייב און קינדער, זאָגט ר' הלל: ניין! דער פריץ האָט געפאָלגט, און איז גלייך אַוועקגעפאָרן.

דערווייל איז געוואָרן אַ שריפה אין פריצס הויז, און די פריצטע מיט די קינדער זיינען פאַרברענט געוואָרן, און דער געוועזענער פריץ איז געוואָרן אַ גרויסער בעל תשובה.

**טז.** אַז ר' הלל איז געוואָרן רב אין באַברויסק, האָבן די בעלי־בתים פון פאַריץ געהאַט טענות, פאַרוואָס מע האָט ביי זיי צוגענומען דעם רב. האָט מען געמאַכט אַ פשרה, אַז אַ חודש אין יאָר זאָל ר' הלל קומען קיין פאַריץ. צוליב דעם איז פאַרבליבן דער נאמען "ר' הלל פאַריצער".

**יז.** אַמאָל האָט איינער אויסגעלערנט ש"ס און האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה און גערופן דעם רב אויך. ביים טיש זאָגט ר' הלל: "הפוך בה והפוך בה דכולה בה", נאָך אַ בלאט איבערגעמישט און נאָך אַ בלאט - דכולה בה, וואָס אבער האָט ש"ס דיר אויסעלערנט. אַ סימן, שאין לך מדה טובה הימנה...

**יח.** אַמאָל איז ער געווען אויף אַ שמחה ביי אַ גביר. נאָך די פיש האָט ר' הלל אויסגעשווענקט דאָס מויל און אויסגעשפּיען, האָט אים דער גביר אויסגערעדט.

זאָגט ר' הלל: אַז נאָך פיש פאַרן עסן דאָס פלייש דאַרף מען אויסשווענקען דאָס מויל, אויב נישט שאַדט דאָס צום געזונט. זאָגט דער גביר: אין שווענק נישט אויס, און מיר שאַדט דאָס נישט. ענטפערט ר' הלל: עס שאַדט אין רוחניות.

און נישט פאַר קיינעם געדאַכט, אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך דער גביר געשמדט רח"ל.

**יט.** אַמאָל האָט ר' הלל דערזען יום־כפור ביי זיך אויף די אונטערוועש אַ כתם. ער איז געווען אויסער זיך, ער האָט דעם טאָג מרעיש עולמות געווען. מוצאי יוהכ"פ האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער קעשענע פון די הויזן, ווייל ערב יוהכ"פ האָט ער דאָרט אַריינגעלייגט אַ שטיקל צוקער, כדי ער זאָל נאָך דעם תענית נעמען עפּעס אין מויל אַריין, איז די קעשענע געווען פאַרקלעפּט, ווייל פון די נאַכט-תפילות איז ער געוואָרן זייער פאַרשוויצט, זיינען געוואָרן די הויזן נאַס, איז דער צוקער צוגאַנגען. האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז דער כתם איז פון דער צעגאַנגענעם צוקער.

**כ.** אַמאָל פאַר קדוש־לבנה האָט מען געטראָפן ר' הלל שטיין אונטער דער

טיר און טאַנצן און פליעסקען מיט געזאַנג: אָט באַלד מיר גיין מחדש זיין די לבנה!...

**כא.** ר' הלל פלעגט ערב פסח נעמען ריצנאייל, עס איז אַ שטאַרקער אָפּפיר מיטל, כדי צו אויסרייניקן דעם מאָגן פון חמץ.

**כב.** ער האָט שטענדיק געהאַט אַן אורח צום עסן, האָט ער געזאָגט שטענדיג צוליב דעם אורח שיר המעלות פאַרן בענטשן. אַמאָל האָט ער נישט געהאַט קיין אורח, זאָגט ער: איז דאָך "על נהרות בבל" אַן אורח, דאַרף מען זאָגן "שיר המעלות"[9].

**כג.** אַמאָל איז ביי אים געווען אַ חסיד אויף שבת. אַז עס איז געקומען צום טשאָלענט, זאָגט דער ייד, אַז דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן נישט עסן קיין טשאָלנט. זאָגט ר' הלל נ"ע: עסט אויף מיין אחריות. נעמט דער ייד אַ לעפל קאַשע און וויל נעמען דעם צווייטן, זאָגט צו אים ר' הלל, דאָס איז שוין אויף דיין אחריות.

**כד.** ר' הלל האָט זיך נוהג געווען, אין יעדער געקעכטס אַריינצוגיסן 3 לעפל בוימל[10]. אַמאָל האָט מען אַ טעות געהאַט און מע האָט אים געגעבן אַנשטאָט בוימל - ריצנאייל. ער האָט אַריינגעגאָסן אין דער קאַשע 3 לעפל ריצנאייל, און האָט געגעסן ווי ער פלעגט טאָן שטענדיק. דערנאָך האָט ער אָפּגערוקט די שיסל, דער עולם האָט אָנגעהויבן כאַפּן שיריים הייסע קאַשע מיט ריצנאייל, האָט מען אָנגעהויבן ברעכן און שפּייען. פרעגט ר' הלל, וואָס האָט דאָ געטראָפן? ער האָט געגעסן און נישט געפילט גאָרנישט...

**כה.** ר' הלל נ"ע האָט זיך נוהג געווען אין די שבעה דנחמתא (פון שבת נחמו ביז ראש־השנה) אַז יעדן פרייטאָג האָט ער מיטגענומען נייע וועש אין מרחץ אַריין, [און] די אַלטע האָט ער איבערגעלאָזט אין מרחץ פאַר אָרימעלייט.

**כו.** דער רבי ריי"צ נ"ע דערציילט, אַז אַמאָל ביי אַ קידוש שבת אין דער פרי האָט ר' הלל נישט פאַרזוכט פון דעם לעקעך. האָט מען אויסגעפונען, אַז דער לעקעך איז געווען פון אַ חתונה, און די חז"ל זאָגן: "כל הנהנה מסעודת חתן ואינו משמחו עובר וכו'".

**כז.** איז געווען אַ מעשה אַז מע האָט דערלאַנגט כוסות אויף זאָגן לחיים במעמד ר' אייזיק האָמלער נ"ע, און ר' הלל האָט נישט טועם געווען. האָט מען נאָכגעזוכט, און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די כוסות זיינען נישט געווען געטובלט. האָט ר' אייזיק געזאָגט: הילקע, הילקע, ביל פּאַכאַראָם אי סטאַל זנאַכעראָם -

---

9) הובא בשיחת יום ב' דחגה"ש תשי"א (תורת־מנחם ח"ב ע' 158). ובאגרות־קודש (חי"ד ע' מח).

10) ראה גם ב'רשימות הרב"ש' (ע' קכג) - לזקינו של רבנו זצ"ל - שאדמו"ר מהורש"ב סיפר "שהר' הלל זללה"ה נ"ע הי' אוכל תמיד שמן, גם בזופ [=במרק] הי' אוכל שמן".

בלשון רוסיא. דאָס הייסט, ער איז געווען אַ פּראָסטער פויער און איז געוואָרן אַ טרעפער[11].

**כח.** עס איז פאַראַן אַ ירושלמי, אַז אויף קיין בריק זאָל מען נישט פאָרן מיט קיין וואָגן, נאָר מען זאָל גיין צופוס. אַז ר' הלל איז געפאָרן אין וועג, אַפילו ווען בעת מעשה איז ער געשלאָפן אויפן וואָגן, אַז ס'איז געקומען צו אַ בריק האָבן זיך די פערד אַליין אָפּגעשטעלט.

**כט.** דער צמח־צדק זצ"ל האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט נישט אַזוי־פיל האָר אויפן קאָפּ, וויפל ר' הלל האָט מסירת נפש פאַר אַ דבר מצוה[12].

**ל.** דער צמח־צדק נ"ע האָט זיך אַמאָל געוואַשן צום עסן, און ר' הלל האָט נישט געוואָלט זיך וואַשן מיט דער כלי, און האָט געאגט, אַז ער וואַשט זיך נאָר פון אַ גלעזערנע כלי. פון דאַן אָן האָט ער זיך געוואַשן נאָר פון אַ גלעזערנע כלי.

לכאורה, איז אַ וואונדער - פאַר דעם צמח־צדק איז געווען גוט די כלי, און פאַר ר' הללן נישט? נאָר מיר געפינען ביי נקיבת הריאה, אַז נקיבת הריאה היא בכל שהיא, און רבי שמעון זאָגט: עד שהנקב לבית הסמפונות, ווייל אין זיין מדרגה שאַדט נישט, אלא עד שתנקב לבית הסמפונות.

**לא.** ביי ר' הללן נ"ע איז געווען אַן אייניקל, האָט ער געהייסן פנחס. מע האָט אים גערופן פיניע ר' הללס. פאַר ר' הללס הסתלקות, זאָגט ער צו פיניען: פיניע, אויב איך האָב עפּעס אַ זכות אויף יענער וועלט, זאָג איך דיר צו, אַז דו וועסט אַלע יאָרן זיין אַן אָרעמאַן.

פיניע האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ, און האָט געמאַכט גרויסע געשעפטן, און לסוף האָט זיך אַ דריי געטאָן דאָס רעדל און זיין גאַנץ פאַרמעגן איז אַוועק. ער איז פון דעמאָלט אָן אַלע יאָרן געווען אַ עני רחמנות.

**לב.** אַמאָל איז ר' הלל נ"ע געקומען אין אַ שטאָט אַריין. דער גביר פון שטאָט איז געוואָרן פּלוצלונג שטאַרק קראַנק, איז מען געקומען צו ר' הללן. ענטפערט ער: שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא.

עס זענען אַריבער עטלעכע שעה און דעם גביר איז געוואָרן ערגער. איז מען ווייטער געקומען צו ר' הללן. ענטפערט ער: איך האָב דאָך געזאָגט - שבת היא מלזעוק.

---

11) פירושו מנחש ומגיד עתידות. אבל ב'ראשי פרקים' - שגם שם מובא סיפור זה - מתורגם: הי' איכר ונעשה רופא. וב'ספר השיחות - תורת שלום' ע' **109**, מביא הסיפור, ומתרגם: הי' שפל בדעה ונהי' למבין דבר. וראה גם סה"ש תרצ"ז ע' **237**. קיץ ה'ש"ת ע' **104**.

12) ראה אגרות־קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ב ע' שמב: אמרו עליו על ר' הלל זצ"ל שהי' זהיר מאד בדקדוקי מצות (לא ישב על כסא רק מפני חשש שעטנז וכיו"ב). כששאלוהו, אמר, שעושה הכל בשביל להבין יותר טוב דא"ח. וכן ברשימת כ' אייר תרנ"ו - לקוטי דבורים ח"ג תקכג, ב. נתבאר בלקו"ש חלק כב ע' **172**.

זאָגן די בני־בית אַז עס איז דעם חולה געוואָרן ערגער. זאָגט ר' הלל: איך האָב אייך פריער געזאָגט, אַז שבת היא מלזעוק, אַז שבת וועט נישט שרייען פאַרוואָס מען איז אים מחלל, איז רפואה קרובה לבוא. זאָל דער קרענקער נעמען אויף זיך צו היטן שבת, וועט ער האָבן אַ רפואה.

דער חולה האָט אזוי געטאָן, און איז געזונט געוואָרן.

**לג.** ר' הלל איז אַמאָל אין אַ שטעטל אַריין. קיין מקוה איז דאָרט נישט געווען. אין שטעטל איז געווען אַ גביר, נאָר אַ גרויסער קמצן רח"ל. ר' הלל איז ביי אים איינגעשטאנען. האָט ר' הלל גערעדט מיט דעם בעל־הבית, נאָר ער האָט גאָר נישט געפועלט.

דער בעל־הבית האָט זיך צוגעלייגט שלאָפן, חלומט זיך אים, אַז ער איז געשטאָרבן. די קינדער האָבן אים געבראַכט צו דער חברה־קדישא, האָבן זיי געוואָלט אַסך געלט. די קינדער זיינען געווען געראָטן אין טאַטן, האָבן זיי נישט געוואָלט געבן אַזאַ גרויסע סומע, און האָבן אים געבראַכט צוריק.

זיינען זיי געפאַלן אויף אַן עצה. מע האָט דעם מת אויסגעשמירט מיט בלאָטע, אַז מע זאָל אים נישט דערקענען, און מע האָט אים איבערן פלויט אריבער געוואָרפן אויף דער בית־עולם. צו מאָרגנס אין דער פרי, אַז די חברה־קדישא האָט געזען אַ מת ליגט, האָט מען אים אַריינגענומען אין טהרה-שטיבל אים צו טאָן זיין רעכט. אַז מען האָט דעם מת אָפּגעוואַשן האָט מען געזען, אַז דאָס איז דער גביר. האָט די חברה־קדישא גענומען אַ וואָגן און צוריק געשיקט דעם גביר אַהיים.

דערווייל האָט אָנגעהויבן פילן זיך פון דעם מת. וואָס זשע טוט מען איצט? איז געבליבן ביי די זין אַז מע זאָל גיין צום גלח פון שטאָט און בעטן אים, ער זאָל מקבר זיין דעם מת אויף דעם גויישן צמענטער. דער גלח האָט געוואָלט צוויי זאכן: ערשטנס, מע זאָל אים געבן 200 רובל, און צווייטנס, מע זאָל שטעלן אויף דעם קבר אַ שתי וערב, מע זאָל נישט דערקענען אַז דאָרט ליגט אַ ייד.

דעמאָלט האָט דער גביר אָנגעהויבן שרייען פון שלאָף: אַלץ יאָ, נאָר נישט קיין צלם! צוליב זיין שרייען, האָט מען אים אויפגעוועקט פון שלאָף. איז דער גביר אַריין צו ר' הללן אין צימער און געזאָגט, אַז ער גיט דאָס געלט אויף דער מקוה, און איז געוואָרן פון דעמאָלט אָן אַן אַנדערער מענטש.

**לד.** ווי שוין דערמאנט אויבן, אַז ר' הלל געפאָרן צום צמח־צדק זצ"ל, און פריער נאָך צום מיטעלן רבין זצ"ל.

דער מיטעלער רבי נ"ע האָט באַזעצט יידן אין כערסאָנער קאָלאָניעס. דער צמח־צדק נ"ע האָט געהייסן ר' הלל נ"ע פאָרען אין די קאָלאָניעס פאַר זייען רוחניות און נעמען ביי זיי גשמיות. אַז ער איז געקומען צו זיי איז געוואָרן ביי אַלעמען אַ רוח חיים.



מצבתו המשוקמת ר' הלל פּאַריטשער בחרסון

**לה.** זייענדיק איינמאָל אין אַזאַ קאָלאָניע, ערב תשעה באב האָט ער געגעסן אַ איי, און די ביצה איז נישט געווען פריש. דאָס האָט אים פּאַר שאַדט, סע איז געוואָרן ביי אים "פרעווראָט קישעק", דאָס הייסט די בני מעיים נתהפכו. האָט מען אים געפירט קיין כערסאָן צו היילן זיך. דארט האָבן די דאקטוירים געזאָגט, אַז זיי קענען גאָרנישט טאָן פאַר אים. און פון דער קראַנקייט איז ר' הלל נסתלק געוואָרן.

**לו.** דעם שבת פון זיין הסתלקות האָט ר' הלל געזאָגט צום מנין, וואָס האָט געדאַוונט ביי אים אין הויז, מען זאָל דאַווענען וואָס גיכער. האָבן זיי אזוי געטאָן. אַז ס'איז געקומען צו די ווערטער "יוצר משרתים ואשר משרתיו" פון דער ברכה "יוצר אור", איז ר' הלל אויסגעגאַנגען, ויצאה נשמתו בטהרה. שבת נחמו, י"א מנחם אב תרכ"ה, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.

**לז.** ר' הלל זצ"ל האָט מחבר געווען אַ ספר מיטן נאמען "פלח הרמון" אין צוויי חלקים אויף "בראשית" און "שמות". צווישן די ליובאַוויטשער חסידים זענען אויך פאַרשפרייט אַסך חסידישע מאמרים פון ר' הללן זצ"ל.

**לח.** ר' הלל זצ"ל איז נקבר געוואָרן אין כערסאָן, און אויף זיין קבר האָט מען געשטעלט אַן אוהל.

הרבי מהריי"ץ נ"ע סיפר, אַז אין אַ צייט אַרום נאָך ר' הללס הסתלקות איז נפטר געוואָרן אין כערסאָנער הקדש אַן ארחי-פרחי. ס'איז פונקט דעמאָלט געווען ווינטער, און די ערד אויפן בית־עולם איז געווען פאַרפרוירן און פאַרשאָטן מיט שניי, וואָס איז אויך געוואָרן פאַרפרוירן און ווי אייז, און מע האָט נישט געקענט גראָבן הקרקע.

דערווייל האָבן די קברים-גרעבער דערזען אַן אָרט וואו מע קען אפשר אָפּגראָבן הקרקע. מע האָט מיט שוועריקייט אויסגעגראָבן די קרקע, און מע האָט דעם אורח מקבר געווען.

שפּעטער אַז דער שניי איז אַראָפּ, האָט מען דערזען אַז מע האָט אים געלייגט אַרום ר' הלל נ"ע. וואָס הייסט אַרום ר' הלל לייגן אַ אורח וואָס מע ווייסט נישט ווער ער איז? האָט מען גענומען זיינע פּאַפּירן זען ווער ער איז געווען. איז געשטאַנען אין די פּאַפּירן אַז ער איז אַ פּאַריצער.

האָבן זיי געשיקט צום רב פון דאָרט און אים דערציילט די גאַנצע מעשה. האָט דער רב געענטפערט אַז דער מאַן איז געווען אַ שניידער, און אַמאָל איז געווען אַ גזירה אַז מע זאָל אָפּשערען די פאות ביי יידן. מע האָט געכאַפּט ר' הללן, און מע האָט אים געוואָלט אַראָפּנעמען די פאות, האָט ער געהאַלטען מיט זיינע הענט די פאות און האָט נישט געלאָזט זיי [שניידן[13]. האָבן די פאליציי אים אָנגעהויבן שמייסן, האָט דער שניידער דערהערט און גלייך געלאָפן צום פריץ און געבעטן מען] זאָל אים אָפּלאָזען.

[האָט ר' הלל געפרעגט דער שניידער, וואָס ווילסטו איך זאָל דיר בענטשן? בבנים, בעושר, באריכות ימים אָדער עפּעס אַנדערש? האָט דער שניידער אים געענטפערט: איך בעט נישט גאָרנישט אין עולם־הזה, נאָר צו זיין עמי במחיצתי נאָך מאה ועשרים. האָט אים ר' הלל געזאָגט: האָסט געפועלט.

יעצט - האָט אויסגעפירט דער רב פון פאריץ זיין בריוו - איז מקויים געוואָרן די ברכה פון ר' הלל...]

13) חסר קצת בצילום שתח"י, ונשלם ע"פ התרגום בלה"ק.

## חלק ד

# הרה"צ ר' דוידל מטאָלנע*

**א.** טאָלנע איז פלך קיוב, 50 וויאָרסט פון מיין געבורטסשטעטל זוויניגאָראָדקע.

בעלי־בתים פון טאָלנע זיינען געקומען קיין טשערנאָבל בעטן איינעם פון ר' מאָטעלעס קינדער, זאָל פאָרן צו זיין ביי זיי אין שטאָט אַ "גוטער ייד".

זיינען זיי געקומען צו איינעם פון די זין, האָט יענער געענטפערט: איך קען אַביסל לערנען, וויל איך בעסער זיין אַ רב אין אַ שטעטל. אַ צווייטער האָט געענטפערט, אַז ער קען אַביסל זינגען, וועט ער זיין אַ חזן.

ר' דוידל האָט געזאָגט: איך קען נישט לערנען, נישט זינגען, וועל איך פאָרן צו זיין אַ רבי ביי אייך, איז ער געפאָרן קיין טאָלנע.

**ב.** ר' דוידל איז געווען אַ חכם גדול, און האָט באַוויזן אַסך מופתים. ווער עס האָט עפּעס געהאַט אַ צרה רח"ל איז געפאָרן צו אים, אפילו משוגעים-קראנקע.

אַמאָל איז אַ יונגערמאַן אַראָפּ פון זינען ל"ע. פון אויבן אויף איז געווען שווער צו דערקענען אַז ער איז אַ משוגענער, ווייל ער האָט גערעדט צו דער זאַך מיט פרעמדע מענטשן, נאָר מיט די אייגענע האָט ער זיך געפירט ווי אַ משוגענער.

אַמאָל זאָגט אים זיין ווייב: לאָמיר פאָרן קיין טאָלנע צום רבין. זאָגט דער מאַן: יאָ. איז מען געפאָרן און געקומען קיין טאָלנע.

פאַרטאָג האָט זיך דער מאַן אַרויסגעגנבעט פון זיין אכסניא און איז געקומען צום רבין און געזאָגט צו אים: רבי, מיין ווייב איז משוגע, איך האָב זי געבראַכט אַהער, און זי זאָגט אויף מיר אַז איך בין משוגע.

שפּעטער, אַז דאָס ווייב איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף האָט זי גענומען דעם מאַן און געגאַנגען מיט אים צום רבין. די פרוי האָט אָנגעהויבן צו וויינען: רבי, מיין מאַן איז משוגע, גיט אים אַ ברכה. רופט זיך אָן דער מאַן: וואָס האב איך אייך געזאָגט? זי איז אַליין משוגע און זאָגט אויף מיר, אַז איך בין משוגע.

דער רבי רעדט צוביידן, און יעדערער ענטפערט צו דער זאַך. היינט ווי קען

*) ב'תשורה' מחגיגת הבר־מצוה של הת' דובער שי' מונדשיין, ג' סיון ה'תש"פ, נדפסה רשימה זו בתרגום ללה"ק.




מען וויסן, ווער עס איז משוגע? רופט זיך אָן דער רבי צום מאַן: גיב מיר אַ מטבע, וועל איך דיר געבן פאַר אַ שמירה. ענטפערט דער מאַן, אַז דאָס געלט איז ביי זיין ווייב. זאָגט דער רבי אויב דאָס געלט איז ביי איר, און געטרויסט נישט זיך אַליין צו האַלטן געלט, ביסטו משוגע...

ג. ביי אונז אין זוויניגאָ-ראָדקע איז געווען אַ שוחט ר' ליפע. טאַקע דער טאָלנער רבי נ"ע, האָט אים געהייסן ער זאָל זיך אויסלערנען שחיטה, און ער איז געוואָרן אַ שוחט ביי אונדז אין שטאָט.

דער דאָזיקער ר' ליפע איז געווען אַ שם־דבר. מיר האָט דערציילט דער "גוטער ייד" פון יעליסוועטאָגראָד ר' דוד שפירא ז"ל, אַן אייניקל פון ר' פנחס קאָרעצער ז"ל, אַז ווען ער האָט באַדאַרפט שטיין צום פריזיוו, האָט ער געשיקט זיינע פּאַפּירן צו ר' ליפען, און יענער האָט געמאַכט פאַר אים אַ "ווייסן בילעט" שלא בפניו.

איך געדענק אַז איך בין געווען אַ קינד, בין איך אַריינגעגאַנגען צו ר' ליפען אין שטוב אַריין שמחת־תורה, זיינען געווען דאָרט אַסך יידישע זעלנער אין צוויי גרויסע צימערן, און מע האָט געלייענט אין דער תורה אין יידע צימערן.

אַמאָל איז ביי דעם ר' ליפען קראַנק געוואָרן זיין זון נאָטע אויף די לונגען לא עלינו. אַמאָליקע צייטן האָט מען אַזאַ קראַנקן נישט געקענט אויסהיילן, עס איז געווען רח"ל אַ טויט-קראַנקייט.

איז מען געפאָרן קיין טאָלנע צום רבין ר' דוידל. האָט ער געהייסן פאָרן קיין אָדעס און דאָרט קויפן געוויסע גראָזן. די דאָזיקע גראָזן זאָל מען אָפּקאָכן און געבן צו טרינקען דעם קראַנקן פון דעם געקעכטס.

איז מען געפאָרן ספּעציעל קיין אָדעס און געבראַכט פון דאָרט די גראָזן, מע האָט זיי אָפּגעקאָכט און געגעבן דעם קראַנקן טרינקען אַ לעפל פון דעם געטראַנק. אַמאָל האָט מען געניצט צום קאָכן ערדערנע כלים. האָט זיך די כלי צובראָכן און די מעדיצין האָט זיך אויסגעגאָסן.

איז מען ווידער אַמאָל געפאָרן צום רבין און דערציילט אים, אַז די גאַנצע רפואה האָט זיך אויסגעגאָסן, און אַז דער קראַנקער האָט בלויז איינגענומען פון

דעם איין לעפל. האָט דער רבי געזאָגט: וואו שטייט עס, אַז מען דאַרף אויסטרינקען אין גאַנצן די רפואה? איין לעפל איז אויך גענוג. דער קראַנקער וועט בע"ה, ווערן געזונט.

און אַזוי איז טאַקע געווען. ער איז פון דעם איין לעפל געזונט געוואָרן.

ד. מען האָט אַמאָל געבראַכט צו ר' דוידלען אַ משוגענעם, וואָס האָט זיך איינגערעדט אַז ער האָט אַ גלעזערנעם אחור. איז ער געשטאַנען און האָט מורא געהאַט צו זעצן זיך.

האָט ר' דוידל ז"ל געהייסן, מ'זאָל אים אַוועקזעצן מיט געוואַלט. אַז מען האָט אים אַוועקגעזעצט, האָט ער געשריען מיט קולי-קולות, האָט מען אים אָפּגעלאָזט.

האָט דער רבי צו אים געזאָגט: זעסט דאָך, אַז [דו] ביסט געזעסן און ס'האָט דיר נישט געשאַדט. האָט דער משוגענער געענטפערט: יאָ, ווען איך זאָל געווען זיצן נאָך אַביסלע וואָלט איך געווען געפּלאַצט.

ה. דער שפּאָלער אַפּטייקער איז אַמאָל געפאָרן קיין טאָלנע זען דעם רבינס פּירעכץ. האָט דער אַפּטייקער געגעבן דעם גבאי אַ מטבע אין האַנט אַריין, האָט ער אים געלאָזט שטיין אין דער צימער וואו דער רבי פּראַוועט.

דער אַפּטייקער האָט אָפּגעגעבן זיין אייגן קוויטל און האָט זיך געשטעלט ביי דער זייט.

איז געקומען אַ פרוי און האָט געבעטן ביים רבין אויף קינדער. האָט דער רבי געהייסן זי זאָל געבן 10 רובל. די פרוי האָט געגעבן, און דער רבי האָט איר געגעבן [אַ] ברכה.

נאָך דער דאָזיקער פרוי איז צוגעקומען אַ צווייטע פרוי און האָט אויך געבעטן אויף קינדער. האָט דער רבי געהייסן, זי זאָל אים געבן 30 רובל. זי האָט געגעבן און דער רבי האָט איר אויך געגעבן אַ ברכה.

דער אַפּטייקער איז געשטאַנען און געשמייכלט צו זיך: גרינגע געלט... און געלאָזט זיך אַרויסגיין.

האָט דער רבי ז"ל אים גערופן צוריק און געזאָגט: וואָס איז דער חילוק פון מיר ביז דיר? צו מיר קומט אַ פרוי און איך זאָג איר צו אַז זי וועט האָבן קינדער, איז אַמאָל האָט זי קינדער, און אַמאָל - נישט. און דו, גייסט צו אַ פרוי און גיסט איר 3 רובל פאַרן וויזיט און ביסט איר מבטיח אַז זי וועט נישט האָבן קיין קינד, און זי האָט יאַ...

ו. ר' דוידל איז אַמאָל געווען אין בראָד. איינמאָל, אין אָוונט ווען ר' דוידל

האָט שוין געהאַלטן ביים לייגן זיך שלאָפן, זיינען אָנגעקומען צו אים צוויי יידן, וואָס זיינען נאָר וואָס געקומען פון אונגאַרן, און זיי האָבן געוואָלט אים געבן שלום.

האָט ר' דוידל צו זיי געזאָגט: איר זעט דאָך אַז איך מוז זיך צולייגן. קומט מאָרגן אין דער פרי. איך וועל נאָר איצטער אייך דערציילן אַ מעשה:

ווען עס איז אַרויס די גזירה, אַז יעדערער מוז האָבן אַ פאַמיליע נאָמען, האָט די רעגירונג געשיקט אַ שליח צו יעדן ייד אים צו פרעגן, ווי אַזוי ער וויל זיין פאַמיליע נאָמען זאָל זיין.

אַמאָל, אַז מען האָט געזען אַ פּאָליסמאַן אַריינקומען אין אַ יידישער שטוב, פלעגט מען אַנטלויפן דורך די פענסטער. איז דער שליח פון דער רעגירונג געקומען צום שוחט, פּונקט דעמאָלט, ווען ער האָט געשחטן אַ קעלבל. האָט ער געפרעגט דעם שוחט, וואָס פאַר אַ פאַמיליע-נאָמען זאָל ער אים פאַרשרייבן. האָט דער שוחט געזאָגט: איר זעט דאָך אַז איך שעכט אַצינד?! האָט דער שליח פון דער רעגירונג פאַרשריבן: "שחטאתי". אַז עס איז געקומען צום רב האָט שוין דער שליח אַליין פאַרשריבן פאַר דעם רב "שעויתי".

אַז די צוויי יידן האָבן דערהערט די מעשה האָבן זיי אָנגעהויבן צו וויינען, ווייל זיי האָבן געזען אַז ר' דוידל ווייסט ווער זיי זיינען, ווייל איינער פון די צוויי האָט זיך געמאַכט פאַר אַ שוחט און דער צווייטער פאַר אַ רב. האָט ער זיי געהייסן קומען צו אים מארגן אין דער פרי, וועט ער זיי געבן אַ תשובה. איצט האָט ער נישט קיין כח צו זיי.

**ז.** פאַר זיין אַוועקפאָרן פון בראָד, האָט מען צו ר' דוידלן געבראַכט אַסך געלט. האָט ר' דוידל ז"ל געזאָגט:

דער רבי ר' אלימלך נ"ע מיט זיין ברודער דעם רבין ר' זוסיע נ"ע זיינען אַרומגעפאָרן צו זאַמלען געלט אויף פדיון־שבויים. זיינען זיי געקומען אין אַ שטאָט אַריין. האָט מען געמאַכט געלט פאַר זיי, און ווען מען האָט דאָס געלט געבראַכט צו זיי, האָבן זיי געזאָגט, אַז עס פעלט צום סכום 4 גראָשן. האָבן זיך די שטאָט דערמאָנט, אַז דער גביר פון שטאָט האָט זיי געוואָלט געבן 4 גראָשן און זיי האָבן נישט געוואָלט נעמען. זיינען די גבאים געגאַנגען צוריק צום גביר און געבראַכט די 4 גראָשן צו די צוויי ברידער.

האָט ר' דוידל אויסגעפירט: זיי האָבן געוואוסט פריער וויפל זיי דאַרפן מאַכן אין דער שטאָט. און איך, אַז איך צייל איבער דאָס געלט, ווייס איך וויפל איך האָב געמאַכט.

**ח.** ר' דוידל האָט אַמאָל געזאָגט: פאַרוואָס זוכט מען נאָך, אַז מען זאָל נישט זאָגן קיין תחנון אויב ס'איז דאָ אַ חתן אין בית־מדרש, אדער אַ ברית, אדער סתם אַ יומא דפגרא וכדומה? - ווייל דעם אמת וויל קיינער נישט זאָגן.

**ט.** מיין טאַטע [הר"ר דוב שו"ב] ע"ה האָט דערציילט אַז ער האָט געבענטשט ר' דוידלען, ווען ער, מיין טאטע, איז געווען אַ קליין קינד. די מעשה איז געווען אַזוי:

מיין זיידע ע"ה ר' זאב ב"ר זאב איז אַנטלאָפן פון פּריזיוו קיין בראָד, ר' דוידל האָט דעמאָלט געוואוינט אין בראָד. האָט ער צוגענומען מיין זיידן ע"ה פאַר אַ מלמד צו זיך אין הויף. מיין טאַטע ע"ה איז דעמאָלט אַלט געווען 3 יאָר. ווי אַ קינד איז ער געווען שטענדיק ביים רבין אין שטוב.

דער רבי פלעגט אַלע פרייטאָג צו נאַכטס בענטשן זיינע אייניקלעך. ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע ברכה פאַר זיי. מיין טאטע ע"ה האָט זיך אויסגעלערנט די ברכה.

אַמאָל האָט [זיין טאַטע, ר' זאב] אים אַריינגערופן און צו אים געזאָגט: בערעלע - אזוי האָט געהייסן מיין טאַטע - גיי אַריין צום רבין און בענטש אים, און זאָלסט אויסלאָזן: השי"ת זאָל געבן, דער רבי זאָל דערלעבן משיחן.

דער טאטע איז אַריינגעגאנגען צום רבין און געזאָגט: רבי, איך וויל אייך בענטשן. האָט ר' דוידל געזאָגט: בענטש, מיין קינד! האָט דער טאַטע אים געזאָגט דעם נוסח פון זיין ברכה און האָט אויסגעלאָזט: דער רבי זאָל דערלעבן משיחן. האָט דער רבי געענטפערט "אמן".

**י.** ר' דוידל טאָלנער ז"ל האָט זיך מתחתן געווען מיט ר' משה יוסף חאדראוו בן הרב הבעל צדקה ר' יהושע אלעזר פון באַרדיטשעוו.

וועגן דעם שידוך האָט ר' דוידל אַזוי געזאָגט: די וועלט מיינט אַז איך האָב געטאָן דעם שידוך, ווייל דער מחותן האָט געלט. ניין, איך וואָלט קיינמאָל נישט געטאָן קיין שידוך צוליב געלט, ווייל איך האָב פיינט געלט. איך האָב געטאָן דעם שידוך צוליב דעם יחוס פון דעם מחותן. איך האב דאָס פאַרשטאַנען מן אבי מורי ורבי זצ"ל אַז דאָס איז אַ זיווג מן השמים.

געווען איז די מעשה אַזוי: אַמאָל האָט מיין פאָטער ז"ל געשיקט מיך רופן פאַרטאָג און געזאָגט צו מיר: אַ גרויסע אבידה והיזק גדול איז פאָרגעקומען אויף דער וועלט. היינט ביינאַכט איז נסתלק געוואָרן הרב הבעל־צדקה ר' יהושע אלעזר מבאַרדיטשעוו.

פרעג איך דעם טאַטן: פון וואַנען ווייסטו דאָס? ענטפערט ער, אַז מיט 2 יאָר צוריק איז נעדר געוואָרן אַ יונגערמאַן פון לאיעוו, האָב איך אים מיטגעגעבן אַ קוויטל צו מיין טאַטען ר' נחום ז"ל מטשערנאָבל, אַז ער זאָל אים טאָן אַ טובה; און ביז היינט האָב איך נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט דעם יונגערמאַן.

היינט ביינאַכט איז ער געקומען צו מיר און געדאַנקט פאַר דער טובה, וואָס איך האָב אים געטאָן, און ער האָט מיר דערציילט, אַז ווען ער איז געקומען אויף

יענער וועלט, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט אַ קוויטל צו ר' נחום מטשערנאָבל. האָט מען אים געזאָגט, אַז צו ר' נחום טשערנאָבלער קען מען נישט צוקומען. בין איך געשטאַנען 2 יאָר אויף אַ פּלאַץ.

היינט בייַנאַכט איז געקומען צו מיר אַ מלאך און געזאָגט: דו דאַרפסט צו ר' נחומען? אזוי ווי עס איז נפטר געוואָרן דער בעל־צדקה הרב ר' יהושע אלעזר מבאַרדיטשעוו, האָט מען אויסגערופן למעלה, אַז אַלע בעלי־צדקה זאָלן גיין מקבל זיין את פני הרב ר' יהושע אלעזר. און אַזוי ווי ר' נחום טשערנאָבלער רעכנט זיך אויך פון די בעלי־צדקה, איז ער אויך געגאַנגען. וועסטו אים קענען זען. און דער מלאך ווייזט מיר אָן אויף אים.

איך בין צוגעגאַנגען צו אים און געגעבן דאָס צעטל און געזאָגט: דאָס צעטל איז פון ר' מרדכי'ן. האָט ער געזאָגט: ווער איז דער מרדכי? האב איך אים געזאָגט: אייער זון ר' מרדכי. האָט ער מיר גענומען פאַר דער האנט און געגעבן אַ פּלאַץ אין גן־עדן. יעצט בין איך געקומען אייך דאַנקען פאַר דעם.

ר' דוידל טאָלנער האָט אויסגעפירט: ווען מיין טאַטע זצ"ל האָט קיינעם פון זיינע קינדער נישט גערופן צו זיך און פון אַלע מיינע ברידער האָט ער אויסגעקליבן נאָר מיך, איז דעריבער, ווען מען איז געקומען מיר פאָרלייגן דעם שידוך מיט ר' יהושע אלעזר'ס אַ זון, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז צוליב דעם האָט מיך דער טאטע דעמאָלט גערופן, ווייל ער האָט פאָראויס געזען און מסכים געווען צו דעם שידוך.

**יא.** איינמאָל, בשבת פרשת קרח אין מיטן זיין תורה זאָגן, האָט ר' דוידל אזוי געזאָגט:

דער תרגום אונקלוס זאָגט "ואתפלג קרח". ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער עדה, די יידן, וואָרום עס שטייט דאָך "ויאמינו בה' ובמשה עבדו", און אַז קרח איז אַראָפּגעפאַלן פון דער אמונה אין משה רבינו, איז ער פון דער צווייטער אמונה, דאָס הייסט פון אמונת ה' אויך אַראָפּגעפאַלן. דאָס זאָגט דער זוהר הקדוש "תא ואחוי לך בלועי־קרח".

ביי יעדער ייד איז פאַראַן אין אים אַליין די בלועי־קרח, גלייבט מיר יידן אַז אַ האַלבע וועלט איז געכאַפּט אין מינות ואפיקורסות. וואָס מיינט איר, האַלב - צעטיילט אויף צווייען, האַלב איז יאָ געכאַפּט אין אפיקורסות און האַלב ניט? ניין! איטלעכער ביי זיך איז האַלב...

השם יתברך יזכנו באמונה שלמה ובגאולה קרובה בב"א.

**יב.** אַמאָל איז ר' דוידל טאָלנער געווען אין וועג, און עס האָט שטאַרק אָנגעהויבן צו רעגענען. האָט ר' דוידל געזאָגט: מיין טאַטע ז"ל איז אַמאָל געפאָרן

אין וועג, און עס האָט שטאַרק גערעגנט, איז פון ביידע זייטן וואָגן געגאַנגען דער רעגן און אויף זיין וואָגן איז קיין רעגן נישט געגאַנגען.

נאָך דעם ווי ר' דוידל האָט דאָס דערציילט איז ביי אים אויך אַזוי געשען, פון ביידע זייטן וואָגן האָט גערעגנט און אויפן וואָגן וואו ער איז געפאָרן האָט נישט גערעגנט.

אַז מען איז געקומען אַהיים, און דער רבי איז אַריין אין שטוב, איז דער גאַנצער וואָגן געוואָרן פול מיט וואַסער.

**יג.** ביים רבין איז געווען אַ שמש וואָס איז געזעסן פון דרויסן ביי דער טיר פון צימער בעת דער רבי איז געשלאָפן. אַמאָל איז ביים שמשס פרוי געווען אַ ליל־טבילה האָט זיך דער שמש געטראַכט: ער וועט אויף אַ ווײַלע אַנטלויפן אַהיים, ער וועט צוריק קומען ווען דער רבי וועט נאָך שלאָפן. ווען דער שמש איז געקומען צוריק, איז דער רבי טאַקע נאָך געשלאָפן. אַז דער רבי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און האָט אַ קוק געטאָן אויפן שמש, האָט ער געזאָגט: פע, מיט אַזאַ פנים קומסטו צו מיר?!

**יד.** ר' דוידל איז אַמאָל געפאָרן נאָך מיטאָג שפּאַצירן. דער גבאי האָט געזען, אַז ס'איז שוין שפּעט, און מען דאַרף דאַווענען מנחה. האָט ער אָנגעהויבן זאָגן שמונה־עשרה.

אין מיטן האָט דער רבי אים עפּעס געפרעגט און דער גבאי האָט געענטפערט. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל.

נאָך דעם האָט דער רבי זיך אָנגערופן: מע דאַרף דאַווענען מנחה! זאָגט דער גבאי: איך האָב שוין געדאַוונט. זאָגט דער רבי: ווי אַזוי האָסטו געדאַוונט, אַז דו האָסט גערעדט?

ענטפערט דער גבאי: עס שטייט אין פרק אויף תלמידי חכמים: "עקיצתן עקיצת עקרב", און פאַר אַ עקרב מעג מען מפסיק זיין אין מיטן שמונה עשרה. האָט דער רבי געזאָגט: דו ביסט גערעכט.

**טו.** ר' דוידל טאָלנער זי"ע האָט געטייטשט "ויגער בי"ה מן הנשואים" - פון די וואָס האָבן חתונה, ווארום נאָך דער חתונה באַקומט מען אַ נייעם יצר־הרע...

**טז.** ר' דוידל טאָלנער ז"ל האָט געזאָגט אויף אַ שטעטל, אַז די בעלי־בתים פון דאָרט זיינען גרויסע זריזים. דהיינו, זיי שטייען אויף פרי און טרייבן גלייך אַרויס די בהמות אויף דער פּאַשע, און באַלד אַזוי ווי זיי קומען אַהיים גיסן זיי זיך אָפּ נעגל וואַסער. זיי לויפן גלייך דאַווענען, און באַלד נאָכן דאַווענען פּראַווען זיי הכנות... און אַזוי האָט ער אויסגערעכנט אויף אַ גאַנצן טאָג זייער זריזות, אַז וואָס מע דאַרף טאָן פריער, טוען זיי דערנאָך....

**יז.** אַמאָל איז געקומען אַ רב אין אַ שטאָט צו ר' דוידל טאָלנער ז"ל, און אים דערציילט: רבי איך בין געפאָרן 25 וויאָרסט מיט אַ פאיטאָן ביז אַהער, און די גאַנצע צייט בין איך געשטאַנען, ווייל איך האָב מורא געהאַט זיך צו זעצן צוליב שעטנז. זאָגט צו אים ר' דוידל ז"ל: ווער פרעגט ביי דיר?... אַז מע טוט שוין יאָ אַ גוטע זאַך, דאַרף מען דאָס מפרסם זיין, און זיך באַרימען דערמיט?

